# קול לובלין • לובלינער שטימע

מס׳ 6 • חשון-כסלו תשל״ג • תל-אביב • נאָוועמבער 1972 • נומער 6

יוצא לאור, פעם בשנה, ע״י ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו״ל ★ יערלעכע אויסגאבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

## התוכן — אינהאַלט

נ. קורן / כך הוכחדה לובלין היהודית • דוד שטאָקפיש / לאָמיר עולה־רגל זיין קיין ישראל — צום וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער • סעם ברייטער / אייניקע פאָרשלאָגן צו אונדזער וועלט־צוזאַמענפאָר • מאיר שילדקרויט / אַ וואָרט צו די לובלינער אין דער וועלט וועגן פאַראייביקן לובלין • סימאָן זיידענוועוערג / פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל... • שלמה שטאָקפיש / יידישער ספּאָרט־קלוב „וויענימאָוואַ" • יצחק רייכענשטיין / דער לובלינער „הפועל" • גיטעלע עדעלשטיין / אַ „לובלינער" חתונה אויפן רמת הגולן • משה וואַסאָנג / מיט לובלינער אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און ניו־יאָרק • נחמן בלומענטאַל / יעקב גלאַטשטיין דער לובלינער • ש. ל. שניידרמן / לובלין — סמל העקדה של עם ישראל ביצירותיו של יעקב גלאַטשטיין • באַריכטן פון ישראל, פראַנקרייך, פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

מצבה צום אָנדענק פון די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, וואָס וועט אַנטהילט ווערן אָנהייב מאַי 1973, בעתן וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער.
פּראָיעקטירט פון אונדזער בן־עיר, אַרכיטעקט א. שריפט.

מצבת־זכון לקדושי לובלין ומיידאנק שתוקם במאי 1973, בכנס העולמי של הלובלינאים, פרי תיכנונו של האדריכל א. שריפט, בן־עירנו.




teatrnn.pl

# כך הוכחדה לובלין היהודית / נחמן קורן / רמת־גן

כאשר אני מעלה בזכרוני את המאורעות שהתרחשו לפני שלושים שנה בקירוב בלובלין העיר, נדמה לי כאילו חלום בלהות אני רואה, מראות לא מעלמא הדין. והלא מבשרי חזיתי את כל אלה, בעצמי הייתי בתוך הזוועה הזאת. שוב ושוב תוהה אני איך זה קרה שאנשים בארץ שבמרכז אירופה, שהתימרו להיות נושאי התרבות האנושית, „קולטור טרגר" בלשונם, הפכו פתאום פריצי חיות ומגמתם האכזרית היחידה היתה לגזול, לשדוד ולרצוח. לובלין שבעבר הלא כל כך רחוק היתה אחד המרכזים היהודיים הרוחניים החשובים ביותר, שממנה יצאה תורה לכל הקהילות היהודיות באירופה, עיר של חכמים וחוזים, ובימינו קהילה יהודית יותר מ־40 אלף תושבים שמרביתם חיו מיגיעת כפיהם, נאמנים למסורת ההיסטורית — עיר זו נועדה להיות הראשונה לטרף לרוצחים הגרמנים האיומים.

כמה ימים לפני שהעיר נכבשה שמענו את קולו הצרחני של היטלר המטורף מעל גלי האתר על נקמת הנאצים ביהודי לובלין ובמיוחד בתלמידי ישיבת חכמי לובלין על שהעיזו לחפור חפירות הגנה מפני צבא גרמניה הצועד קדימה במצעד הנצחון שלו. ב־18 בספטמבר 1939 נכבשה העיר והחלו חיי התופת של יהודי לובלין, שהחמירו והלכו מיום ליום.

הנאצים הכינו תכנית השמדה שבעיבודה השתתפו, כנראה, גם מלומדים גרמנים מענפי מדע שונים. לפי תכנית זו יש להשפיל ולדכא את רוחם של היהודים וגם להרעיבם ולהחלישם מבחינה פיזית כדי שלא יוכלו להתקומם נגד מעניהם. הם גם שאפו להפריד בין היהודים לבין שכניהם הפולנים, כדי שתהיה להם יד חפשית לביצוע מעשיהם הנפשעים. הם ידעו גם שרכוש היהודים שימש תמיד פיתוי להמונים חסרי כל וגירוי האינסטינקטים השפלים ביותר.

מעשיהם הראשונים בלובלין היה לבוז את רכוש היהודים ולתת גם להמונים הפולנים את חלקם. זוכר אני איך הגרמנים זרקו חלקי לבוש יקרי ערך שונים מן חנויות היהודים שברחוב הראשי, והמון פרוע היה מתכתש וחוטף אותם בתאוותנות. מאות משפחות יהודיות הורחקו בעירום ובחוסר כל מדירותיהם ברחובות הראשיים ורכושם היה לבז. כל אלה חיפשו מקום מגורים בעיר העתיקה ובסמטאות שבסביבה. כאשר נישול היהודים מדירותיהם גבר ונוספו עליהם יהודים שגורשו מגדיניה, מפוזנן ומערים אחרות בפולין המערבית ללובלין, נעשו תנאי הדיור בלתי נסבלים. בדירות הצרות המאוכלסות אנשים יתר על המידה, הוקמו מיטות כפולות אחת על גבי השניה. כעבור זמן לא רב לשלטונם בלובלין גזרו הגרמנים על היהודים להדביק טלאי צהוב על בגדם ולאחר מכן החליפוהו בסרט לבן עם מגן־דוד על שרווליהם. וכך הבדילו רשמית את היהודים לרעה מיתר התושבים.

הטרדת היהודים גברה מיום ליום. בתי־הספר שלהם נסגרו ולמעלה מ־5000 ילדים הוצאו ממש לרחוב, כי השהיה בבתים בצפיפות המחניקה היתה בלתי אפשרית והילדים נתגלגלו בסמטאות המרופשות. השתדלנו אמנם לארגן קבוצות קטנות של תלמידים ולהורותם בבתים פרטיים, אבל זה היה כרוך בסכנה להיתפס על־ידי הגרמנים שהיו עורכים תכופות „ביקורים" בבתי יהודים בחפשם כסף ודברים יקרי ערך. קבוצה קטנה בת 8 תלמידים לימדתי בדירת־מרתף של סנדלר. בשעת אחד השיעורים במרתף זה הגיע לאזנינו קול נביחה של גרמני מתקרב (פנייתם ליהודים היתה תמיד בקול צרחני דומה לנביחה של כלב). כמה ילדים נעלמו חיש, הספרים נטמנו תחת המיטה, ואני חלצתי את נעלי ומסרתיה לידי הסנדלר לתיקון.

על יד הכניסה ליודנראט הופיעו חדשות לבקרים גזירות רעות שונות. כל יהודי שנתקל בדרכו בגרמני חייב לפנות לו דרך, להוריד כחמישה מטרים מלפניו את הכובע ולהשתחוות. על כל אי־מילוי פקודה זו הרביצו מכות נמרצות. כאשר הפקודה בוטלה כעבור כמה חדשים ויהודי טעה והסיר את כובעו, ספג שוב מכות על אשר מעז לברך בשלום את בן „הגזע העליון". כן באה הוראה שיהודים אסור להם ללכת על המדרכה שניים ביחד וזה על יד זה, אלא אחד מאחורי השני. כן גם צריכים לנהוג בעל ואשתו. הוראות אלה ודומות להן באו כדי להשפיל את היהודי ולדכאו עד שיאבד את ערך עצמו.

לבסוף נסגר הגיטו ואסור היה לו ליהודי לצאת בלי רשיון שניתן רק לאלה שהיו עסוקים אצל גרמנים. יהודי שנתפס מחוץ לגיטו בלי רשיון צפוי היה לו עונש מוות. זה גרם למחסור חריף במצרכי מזון ולתחלואי רעב. בגיטו פשתה מחלת הטיפוס שהפילה חללים רבים, עד שהמתעסקים בקבורת מתים לא הספיקו לקברם בזמנם. מטעם משרד הסעד ביקרתי בבתי הנצרכים ולא פעם נתקלתי בתופעה מזעזעת עד עומקי הנפש. בחדר צר, ד' על ד', שנפרד מחדרים דומים לו במחיצות קרשים לא מהוקצעים, נמצאו משני צדדיו מיטות




שלט בבית־הקברות בנחלת־יצחק, שהוצב לאחר הטמנת האפר ממיידנק.

אויפשריפט אויפן קבר פונעם אַש פון מיידאַנעק ווו ס'וועט אַוועקגעשטעלט ווערן דער דענקמאָל: „דאָ איז באַערדיקט דאָס אַש פון די קדושים פון לובלין און אומגעגענט — פונעם פאַרניכטונגסלאַגער מיידאַנעק".

עץ. על אחת מהן היה מונח איש בלי רוח חיים, שחיכה כבר יומיים לקבורתו. על המיטה השניה שכב איש חולה ובאמצע החדר על־יד שולחן ישבו בן־אדם מבוגר ונער בגיל 14, שניהם מוכי רזון, ואכלו את הארוחה היחידה, מרק דליל, שהנער הביאו מן המטבח הציבורי. דממת המוות ששררה בחדר הופסקה מזמן לזמן על־ידי הגניחות החלשות של החולה.

נדלדלו שוכני הגיטו, תש כוחם ונדמה היה שנטשטשו הגבולות בין החיים והמתים.

בחודש מארס 1942 נגשו הרוצחים לבצע את התכנית השטנית של „הפתרון הסופי" של יהודי לובלין — להעבירם למחנות המוות. מפעל מקאברי זה עובד לפרטי פרטיו על־ידי הס.ס. ראשית כל ניסו להערים על הקרבנות, לרמותם (השקר היה אחד מאמצעי הלחימה שלהם) והפיצו שמועות שיעבירו את יהודי לובלין לעבודה בשטחים שנכבשו מידי הרוסים.

הגירוש נעשה לפי רחובות. משמרות כבדים של אנשי צבא ושל אוקראינים, מזויינים מכף רגלם ועד ראשם, שמרו על הרחובות, שיהודים לא יעברו מרחוב אחד למשנהו, למען התחמק מן המשלוחים. מי שנתפס נורה במקום. קרבנות רבים נפלו בשעת נסיונות כאלה. יום יום העבירו לתחנת הרכבת משלוח של 1500 יהודים. קשה היה להיוודע לאן מועדות פני המשלוחים, כי צוותות הרכבות התחלפו פעמים אחדות בדרך.

הקרבנות הראשונים של הרוצחים האכזריים היו הילדים. לא אשכח לעולם את המחזה המזעזע של גירוש הילדים מבית־היתומים שעל־יד הקהילה. באחד מערבי חודש מארס הקרים הוצאו למעלה משמונים ילד מבית־היתומים לרחוב. יתר הילדים התחמקו וברחו. כמסופר, הודיעו קלגסי ס.ס. ליודנראט שיתומים אלה יועברו לבית־יתומים בעיר אחרת, ולשם הסוואה ציוו לתת לכל ילד חצי כיכר לחם כצידה לדרך. גשם דק חודר לעצמות התחיל לרדת. ילד אחד פרץ בבכי ומיד נצטרפו אליו יתר הילדים. מאות האנשים שנמצאו במקום כדי להפרד מן הילדים פרצו גם הם בבכי. משמרות חזקים של אוקראינים וליטאים מזויינים עמדו מסביב ועל פרצופיהם לא נראה אפילו סימן קל של רגש אנושי.

מישהו מן ההמון שהיה נוכח במקום הוריד מעל עצמו את הסוודר ומסרו לאחד הילדים, מיד התחילו רבים מן הנוכחים להוריד מעל עצמם את בגדי החורף העליונים והל־בישו בהם את היתומים שרעדו ממקור. המורים והמחנכים ליוו מרצונם הטוב את היתומים בדרכם האחרונה בחייהם הקצרים.

השקר הנבזה של הס.ס. נתגלה אחר כך. באחד הימים לפני העברת היתומים הובאו כמה יהודים למקום המיועד ונצטוו לחפור בור עמוק וארוך, ואחרי שגמרו את מלאכתם נורו בידי האוקראינים והליטאים שהובאו לשם כך במיוחד. את היתומים ומלוויהם, אחרי שהמיתום בירייה, הכניסו אל הבור וכיסום בעפר.

חמשת אלפים יהודים שהיו עסוקים במפעלים גרמניים קיבלו תעודות עם האות J (יודע) והועברו לכפר הסמוך מיידאן טאטארסקי, ולמעלה מ־40,000 נפחו את נשמותיהם בקדושה ובטהרה במחנות ההשמדה מיידאנק, בלז'ץ וסוביבור. אחר־כך נפקחו עיניהם של יהודי פולין, והאשליות בנוגע למזימות הרשע של הגרמנים לגבי היהודים התנפצו אל המ־ציאות המרה. אז החלו להתארגן במחתרת וביערות קבוצות מרי מזויינות למאבק נגד הנאצים — הרוצחים האכזריים ביותר בתולדות האנושות.

**מאמר זה קרא מזכיר ארגוננו, מתתיהו הורן, בפני 800 תלמידי בית־הספר ע"ש ליאו בק בחיפה, שהתכנסו באולם קולנוע „שביט" לציין את יום השואה והגבורה. כידוע, אימץ בי"ס זה את קהילת לובלין. בעצרת השתתפה גם הגב' רפופורט־אלבינג, מניצולי השואה, בזכרונותיה מימים ההם.**

# עדות מזעזעת על פשעי הנאצים בלובלין הושמעו בתל־אביב בפני בית־משפט מערב־גרמני

עדות מזעזעת על הרצחו של רוקח שהקריב את חייו למען חיי אמו, נמסרה אתמול בבית משפט השלום בתל־אביב בפני בית משפט מערב גרמני מהעיר ויס־באדן, המבקר בארץ לשם גביית עדויות בקשר עם משפטם של חמישה פושעים נאציים המואשמים ברצח המונים בתקופת השואה.

העדות ניתנה על ידי בת לובלין, גב' שרה רוהר מתל־אביב, אשר סיפרה כי נכחה כמה פעמים בסלק־ציות שערך אחד מחמשת הנאשמים, ד"ר הארי שטורם, שהיה קצין בכיר בס. ס.

היא סיפרה, כי באחד המקרים שלח אשה יהודיה זקנה אל מחנות ההשמדה. בנה של אותה אשה התחנן לפני המרצח כי ירחם על אמו וישלח אותו במקומה. שטורם הסכים, נטל עמו את הרוקח היהודי ולאחר מכן שלף אקדח וחיסל אותו.

העדה סיפרה עוד כי היתה כמה פעמים נוכחת באקציות ובסלקציות שניהל שטורם וסיפרה כי היא עצמה הצליחה להסתתר באחת הסלקציות ונמלטה מידי הנאצים.

יחד עם ד"ר הארי שטורם, שהיה ראש מדור 4 שב־ס. ד., עומדים לדין קציני הגסטאפו גיאורג הופמן, נוטהארד שוברט, וולטר הס ווילהלם מיארט. משפטם נערך בקשר עם רציחות יהודים בזמן השואה בעיר לובלין, אשר היתה העיר השלישית בגודלה בפולין. הנאשמים הועמדו לדין לאחר שהפרקליטות בגרמניה ריכזה נגדם עדויות על הוצאות להורג של כ־25 אלף יהודים, טביחתם של 300 חולים וחיסולם של 35 ילדים יתומים. כמו כן הם מואשמים בחיסול שארית גטו מידן־טרטרסקי שליד לובלין.

(„ידיעות אחרונות")

## לכל בני־עירנו בארץ!

- האזכרה השנתית תתקיים ביום ה' 9.11.72, באולם „בני ברית" בתל־אביב. פרטים — בעמ' אחרון.
- לקראת הכנס העולמי של הלובלינאים, תופיע חוברת מיוחדת „קול לובלין". חומר, תמונות ותעו־דות נא לשלוח עד 1.2.73.
- המגבית להקמת מצבת זכרון לקדושי לובלין ומיידאנק — נמשכת. כל יהודי מלובלין חייב לתרום את חלקו בהנצחת קורבנות רציחות הגרמנים. התרו־מות נא לשלוח על חשבוננו: ארגון יוצאי לובלין בישראל — חשבון בבנק הדואר: 4/27638/6.
- הלובלינאים מחו"ל, שלא היה באפשרותם להשיג בית־מלון בתקופת חגיגות יום העצמאות והכנס העו־למי של בני עירנו — יזדקקו להכנסת־אורחים של יוצאי לובלין בישראל. אנו מצפים להיענותכם.

# היכונו לכנס העולמי של הלובלינאים -

## ביום העצמאות ה־25 של מדינת ישראל

**דוד שטוקפיש**, יו״ר ארגון יוצאי לובלין

שלוש פעמים בשנה היו בני ישראל עולים לרגל לירושלים ומביאים את קרבנותיהם לבית-המקדש. ולא רק תושבי ישראל קיימו מצווה זו, גם יהודי ארצות אחרות, כמו מצרים ובבל, היו עולים לרגל ירושלימה. בימינו מדובר על עליה לרגל מסוג אחר — על ביקו-רים במדינתנו שקמה לתחיה ומהווה נקודת משיכה ומוקד התעניינותם של היהודים בכל התפוצות.

תמה אני, על שום מה יהודי לובלינאי מניו-יורק, פאריס, מלבורן או מבואנוס-איירס, שמבחינה חומרית יכול היה להרשות לעצמו לבקר בארץ, לא ינצל את ההזדמנות ויבוא ליום העצמאות שחל באביב, קרוב לחג הפסח, או לאזכרה השנתית בחודש נובמבר, כשמתייחדים עם זכר יהודי לובלין שניספו בימי השואה.

השנה, בעוד ששה חדשים, תהיה הזדמנות טובה לתקן את המעוות. בימים הראשונים בחודש מאי תחוג המדינה, וביחד אתה כל יהודי התפוצות, את מחצית היובל לקיומה. בני עירנו בעולם כולו יוכלו השנה לקיים בבת-אחת שלוש מצוות של „עליה לרגל״:

א) לחוג בארץ את יובל העשרים-וחמישה למדינת ישראל ולשמוח יחד עם כל תושבי הארץ בחג גדול זה;

ב) להשתתף בכנס העולמי של יהודי לובלין;

ג) להיות נוכח בטקס גילוי מצבת זכרון לקדושי לובלין ומיידאנק.

שלושה אירועים רבי-ערך אלה — לשמוח בחג העצמאות; להיפגש עם קרובי משפחה וידידים; להת-ייחד עם זכר קרבנות הרצח הגרמני, יקירינו וקרובינו שמתו על קידוש השם — יעוררו ללא ספק התעניינות גוברת ורצון עז לעלות לישראל. דברים אלה הניעו את ועד יוצאי לובלין בישראל לממש את רעיונו של בן-עירנו סאם ברייטער ממונטריאל, שהציע לפני שנתיים לקיים בארץ כנס עולמי של יוצאי לובלין.

מפעל כזה דרש עבודה מאומצת וגם הכנות איר-גוניות רבות. לכן דחינו את תאריך הכנס לשנה זו, שנת העשרים-וחמש לקיומה של מדינת ישראל. כרגיל אצל יהודים, כל שמחה מהולה בעצב, וכך גם הפעם שמחת החג תהיה קשורה בגילוי המצבה הסמלית שתוקם מעל לתיבת האפר שהובא ממיידאנק ונטמן באדמת ישראל. חובה מוסרית קדושה מוטלת על כל יהודי לובלינאי באשר הוא שם להשתתף במפעלים שטבועים עליהם החותם היהודי, הישראלי והלובלינאי.

תכנית הכנס מובאת בעמוד זה וכל לובלינאי רשאי להציא שינויים ושיפורים בתכנית. על כל פנים, יש לצפות שבראשית חודש מאי 1973 יהיו לנו בארץ חוויות רוחניות, התרגשויות עמוקות ודמעות של שמחה ואבל גם יחד. האם יחמיצו בני עירנו הזדמנות כזאת?

★

ואם תתעורר בלב מישהו מכם השאלה: ומה בדבר קורת-גג? הלא בשנה שעברה נאלצו אלפי תיירים לפני יום העצמאות ה-24 לבטל את ביקוריהם בישראל בשל מחסור בחדרים בבתי-המלון בארץ. ומה יהיה, אם יהודי לובלין יבואו בהמוניהם לכנס — האם לא צפויה להם, חלילה, לינה ברחוב?

לא ולא! ראשית, אנו מניחים שהלובלינאים שהח-ליטו לבוא ולהשתתף בכנס כבר הזמינו באמצעות משרדי הנסיעות מקומות בבתי-מלון. שנית, ודאי לכל לובלינאי יש חבר או ידיד בארץ, שיאכסן אותו בביתו. שלישית, תוקם ועדה מיוחדת שתדאג להכנת מקומות איכסון בבתי-מלון או בבתי מגורים של לובלינאים תושבי ישראל.

ולאלה האחרונים, רצוני להזכיר את המימרא התל-מודית (יומא יב): „אין משכירין בתים בירושלים לפי שאינם שלהן״. ובמשנה אבות כתוב: „ולא אמר אדם לחברו צר לי המקום שאלין בירושלים״... נקווה שבני עירנו במדינת ישראל ילכו בדרכי אבותינו בזמנים שבית-המקדש היה קיים ויקבלו ברצון רב את אורחינו מן התפוצות, שבאים לביקור „הביתה״ — ושירגישו את עצמם במדינת ישראל כבביתם.

ובכן, בני עירנו שבארץ ובתפוצות: נתכונן-נא ביראת הכבוד ובשמחה לקראת המיפגש העולמי שלנו. להתראות במדינת ישראל ביום העצמאות ה-25!

---

**תוכנית הכנס העולמי של לובלינאים —**
**30.4 — 7.5 1973, בתל-אביב ובירושלים**

יום ב׳, 30.4, בשעה 18.00: פגישת היכרות במלון „פלזה״ בת״א. המארח: משה קורן (טשמקה).

יום ג׳, 1.5: לפנה״צ — סיור בת״א והסביבה. בשעה 19.00 — פתיחה חגיגית של הכנס, בהשתתפות שר; ברכות; חלק אמנותי.

יום ד׳, 2.5: המשך הכנס. הרצאות: תפקידם של ארגוני לובלין בארץ ובחו״ל; תרומת יהדות לובלין להיסטוריה של עמנו ולבנין הארץ; הנצחה.
בשעה 16.00 — גילוי מצבת זכרון לקדושי לובלין ומיי־דאנק. בשעה 20.00 — חלוקת הפרס הספרותי ע״ש קדושי לובלין.

יום ה׳, 3.5: ביקור בירושלים — קבלת־פנים אצל נשיא המדי־נה; הכנסת; יד ושם; הכותל המערבי.

שבת, 4.5 בשעה 20.00: ערב הווי וזכרונות מלפני השואה ובימי מלחמת העולם השניה. הקרנת הסרט „לובלין — עיר ואם בישראל״.

יום א׳ 5.5: סיור בדרום הארץ.

יום ב׳, 6.5: נשף לכבוד 25 שנה למדינת ישראל — וסיום הכנס העולמי.

יום ג׳, 7.5: נסיעה לירושלים, למצעד צה״ל.

**בזמן הכנס תהיה פתוחה תערוכת ספרים על לובלין ושל מחברים בני לובלין.**

שינויים בתוכנית — אפשריים.

# לאמיר עולה־רגל זיין קיין ישראל - צום וועלט־צוזאמענטרעף פון די לובלינער

**דוד שטאָקפיש**, פאָרזיצער פון ארגון יוצאי לובלין

דריי מאָל אין יאָר — אויף פסח, שבועות און סוכות, פלעגן יידן עולה-רגל זיין קיין ירושלים און ברענגען קרבנות אין בית-המקדש. קיין ירושלים זענען געקומען נישט נאָר די יידישע איינוווינער פון ארץ-ישראל, נאָר אויך יידן פון אַנדערע לענדער, ווי בבל און מצרים... אַזוי ווערט דערציילט אין אַלטע ספרים. דאַקעגן היינט דערציילן זיך יידן אין דער וועלט וועגן אַן אַנדערן סאָרט עליה לרגל אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, וועלכע איז די לעצטע 24 יאָר דער עמאָציאָנעלער און אַטראַקציאָנעלער צוציונגס-פונקט פאַר אחינו בני ישראל אין אַלע תפוצות.

איז מיר געוועז אַ וווּנדער, הלמאי אַ לובלינער ייד פון ניו-יאָרק, פאַריז, מעלבורן און בוענאָס-איירעס, וואָס האָט געהאַט דערצו די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, איז נישט עולה-רגל געווען כאָטש צוויי מאָל אין יאָר קיין ישראל: צום יום העצמאות וואָס פאַלט אויס אין אַפּרילינג, נאָענט צו פסח; און אין חודש נאָוועמבער, ווען מיר פירן אַדורך דעם אזכרה-אַקט נאָך דער חרוב-געוואָרענער יידישער לובלין. אַזעלכע צוויי דאַטעס האָבן באַדאַרפט אָנרעגן אַ ייד פון לובלין צו וויזיטירן ישראל.

אָבער נישט יעדער האָט דאָס געקענט באַווייזן. איז איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַלץ צו פאַריכטן מיט אַן איינמאָליקן באַזוך אין ישראל. אין אַ האַלב יאָר אַרום, אין די ערשטע טעג פון מאַי 1973, וועט די יידישע מדינה און די גאַנצע יידישע וועלט זיך פרייען מיטן האַלבן יובל פון ישראל — דער 25סטער יום העצמאות. די דאָזיקע דאַטע איז אַ זעלטענע און וויכטיקע געלעגנהייט פאַר אונדזערע בני עיר אַדורכצופירן, מיט איינמאָל, **אַ דרייפאַכיקן עולה-רגל**:

א) פרייען זיך מיטן יובל-יאָר פון מדינת ישראל.

ב) באַטייליקן זיך אינעם וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער.

ג) בייוווינען די אַנטהילונג פונעם מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק.

דריי געשעענישן פון אַזאַ פאַרנעם און כאַראַקטער, וועלן אָן שום ספק דערוועקן גרויס אינטערעס און שטאַרקן ווילן ביי יידן פון לובלין אין אַלע תפוצות צו קומען און זיך משמח זיין מיט דער באַנייטער יידישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט; טרעפן זיך מיט קרובים, חברים, פריינד און באַקאַנטע פון דער אַלטער היים; אָפּגעבן כבוד און זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון די קרבנות פון די דייטשע רציחות, אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם. די אַלע מאָטיוון האָבן באַוויגן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל צו רעאַליזירן דעם געדאַנק פון אונדזער בן עיר סעם ברייטער פון מאָנטרעאַל, וואָס האָט מיט 2 יאָר צוריק פאָרגעלייגט אַדורכצופירן אין ישראל אַ וועלט-צוזאַמענפאָר פון די לובלינער.

אַזאַ אונטערנעמונג פאָדערט אַ סך מי און צוגרייטונגען, דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביזן 25סטן יאָר פון מדינת ישראל. נאָר ווי דער שטייגער ביי יידן, ווען יעדע שמחה איז אויסגעמישט מיט אַ טרער, וועט אויך דאָסמאָל די פרייד פון יום העצמאות זיין פאַרבונדן מיטן אַנטהילן די סימבאָלישע מצבה איבערן קעסטעלע אַש, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק געבערענגט געוואָרן פון מיידאַנעק. ס'איז דעריבער אַ הייליקער, מאָראַלישער חוב פאַר יעדן לובלינער ייד אין אייראָפּע, ביידע אַמעריקעס און אַנדערע קאָנטינענטן, אָנטייל צו נעמען אין די דריי דערמאָנטע אונטערנעמונגען וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון יידישקייט, ישראלדיקייט און לובלינערישקייט.

אין מאַי 1973 איז פאָרויסגעזען אַ וואָך פון שטאַרקע גייסטיקע איבערלעבונגען, דערינערונגען און עמאָציעס, געריטקייט און טרערן פון פרייד און טרויער. וועט אַ לובלינער ייד דורכלאָזן אַזאַ געשעעניש?

★

נישט איינער פון אייך וועט אַוודאי פרעגן: וואָס וועט זיין מיט אַ... נאַכטלעגער? האָבן דאָך די צייטונגען געשריבן פאַראַיאָרן, אַז אין 24סטן יום העצמאות האָבן טויזנטער טוריסטן געמוזט בטל מאַכן זייער באַזוך אין ישראל — צוליבן מאַנגל אין האָטעלצימערן. וואָס-זשע וועט געשען, אויב אַ סך לובלינער יידן אין דער וועלט וועט זיך דאָך פאַרגלוסטן צו קומען צום צוזאַמענטרעף — דראָט זיי נישט, חלילה, קיין געפאַר צו שלאָפן אויפן גאַס?

ערשטנס, זענען מיר זיכער, אַז די לאַנדסלייט וואָס האָבן שוין אָנגענומען דעם באַשלוס צו קומען צום צוזאַמענטרעף — האָבן אַוודאי אין די רייזע-ביוראָען אויך זיך באַזאָרגט מיט אַ האָטעל. צווייטנס, וועלכער לובלינער אין דער וועלט, האָט נישט זיינעם אַ קרוב צי חבר אין ישראל, וואָס וועט אים גערן אויפנעמען ביי זיך אין שטוב. דריטנס, וועט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זיך באַמיען צו באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע אכסניהס אין די היימען ביי אונדזערע לובלינער אין ישראל. און זיי טאַקע, אונדזערע לאַנדסלייט אין דער יידישער מדינה, וויל איך דערמאָנען (אין שייכות מיטן פאַרצייטיקן עולה-רגל זיין), וואָס די גמרא זאָגט (יומא י"ב): אַז „די ירושלימער איינוווינער האָבן פון די עולה-רגל נישט גענומען קיין געלט פאַרן אָרט צום שלאָפן". און אין משנה אבות ווערט געברענגט, אַז „קיינער פון די עולה-רגל האָט נישט געזאָגט, אַז אים איז ענג געווען דאָס אָרט צו שלאָפן אין ירושלים..."

לאָמיר האָפן, אַז גענוי ווי אונדזערע אָבות האָבן אין די צייטן פון בית-המקדש אויפגענומען די געסט — אַזוי וועלן אונדזערע בני עיר אין מדינת ישראל אויפנעמען די עולה-רגלניקעס וואָס וועלן קומען צו אונדז אין אַפּריל-מאַי 1973 און אַוודאי געניסן פון דער טראַדיציאָנעלער לובלינער הכנסת-אורחים אין דער יידישער מדינה. זיי קומען דאָך צו אונדז (אַפילו צייטווייליק) אַ ה י י ם — און זיי דאַרפן זיך פילן ווי אין דער היים.

אַלזאָ, טייערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות: לאָמיר מיט יראת הכבוד און פרייד זיך גרייטן צו אונדזער וועלט-צוזאַמענטרעף אין מדינת ישראל — צו איר 25סטן יום העצמאות.

# פראָגראַם פון וועלט־צוזאַמענפאָר פון לובלינער אין ישראל*

## פון 30סטן אַפּריל ביזן 7טן מאַי 1973 אין תל־אביב און ירושלים

**מאָנטיק, 30.4.73, פון 6 אָוונט:**

פרייער צוזאַמענטרעף און באַקענונג אויף אַן אָוונט-ברויט אין האָטעל „פלאזא" אין תל-אביב.
גאַסטגעבער: משה קאָרן (טאַשעמקאַ)

**דינסטיק, 1.5.73:**

קאָלעקטיווער באַזוך אין תל-אביב און אומגעגנט מיט „דן-אגד" טורס.
7 אָוונט: פייערלעכע דערעפענונג פונעם וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער, מיטן אָנטייל פון אַ מיניסטער פון דער ישראל-רעגירונג.
באַגריסונגען פון די דעלעגאַטן פון אויסלאַנד;
אַרטיסטישער טייל מיט אָנגעזעענע קינסטלער.

**מיטוואָך, 2.5.73:**

פאַרמיטאָג — המשך פונעם צוזאַמענפאָר.
רעפעראַטן: די אויפגאַבן פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אין די תפוצות; דער ביישטייער פון דער יידישער לובלין צו דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און צום בנין הארץ; פאַרייביקונג.
4 נאָכמיטאָג — אַנטהילונג פונעם דענקמאָל אין נחלת יצחק לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, מיטן אָנטייל פון די שול-קינדער; תפילות; 3—4 קורצע רעדעס.
8 אָוונט — פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור-פּרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין, פונדירט פון יואל גאָלדמאַן.

**דאָנערשטיק, 3.5.73:**

קאָלעקטיווער באַזוך אין ירושלים; אויפנאַמע ביים מדינה-פּרעזידענט; יד ושם, כותל המערבי, כנסת.

**פרייטיק, 4.5.73 — פרייער טאָג.**

**שבת, 5.5.73:**

8 אָוונט — אַ ספּעציעלער אָוונט פאַר זכרונות פון דער אַלטער היים און פון ווידערשטאַנד אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. ס'וועט אויך געוויזן ווערן אונדזער פילם „לובלין — עיר ואם בישראל".

**זונטיק, 6.5.73:**

אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט — באַריכטן פון באַזונדערע לענדער; אַלגעמיינע דעבאַטע איבער די רעפעראַטן און באַשלוסן.

**מאָנטיק, 7.5.73:**

8 אָוונט — דער יערלעכער באַל לכבוד דעם 25סטן יום העצמאות און שלוס פונעם וועלט-צוזאַמענפאָר פון די לובלינער.

**דינסטיק, 8.5:**

6 פרי — אָפּפאָר קיין ירושלים צום פאַראַד פון צה"ל.

---

* ס'זענען פאָרויסגעזען ענדערונגען אין דעם פּלאַן.

**אויסשטעלונג פון ביכער וועגן לובלין און פון לובלינער מחברים — וועט פאָרקומען בעתן צוזאַמענטרעף.**

---

# אייניקע פאָרשלאָגן צו אונדזער וועלט־צוזאַמענטרעף

**סעם ברייטער / מאָנטרעאַל**

אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוזאַמענפאָר פון די לובלינער, וואָס וועט פאָרקומען אין ישראל אין 1973, צום 25סטן יאָרטאָג פון מדינת ישראל, האָבן מיר באַצייטנס אָנגעהויבן אַן אַקטיווע טעטיקייט. ס'האָבן זיך שוין רעגיסטרירט בערך 100 מענטשן, דערונטער עטלעכע, וואָס שטאַמען פון דער לובלינער אומגעגנט. ביז איצטער זענען נישט פאַראַן קיין פּראָבלעמען מיט וווינונגען אין ישראל אין דער צייט פון צוזאַמענפאָר, ווייל אַלע האָבן דאָרט קרובים און באַקאַנטע, ביי וועמען זיי וועלן וווינען.

איך דערלויב מיר צו מאַכן עטלעכע פאָרשלאָגן, וואָס האָבן דעם ציל צו פּראָפּאַגירן דעם צוזאַמענפאָר צווישן די לובלינער אין דער גאַנצער וועלט און איך האָף, אַז איר וועט זיך באַציען צו זיי פּאָזיטיוו:

1. אין נאָענטסטן נומער „לובלינער שטימע" זאָלן זיך געפינען מאַטעריאַלן וועגן צוזאַמענפאָר;

2. די אויסגאַבע זאָל ווערן פאַנאַנדערגעשיקט צו לובלינער אין דער גאַנצער וועלט, אָן אונטערשיד צי זיי וועלן פאַר איר באַצאָלן אָדער נישט;

3. אַרויסשיקן אויך אַ געוויסע צאָל צייטונגען פאַר לובלינער, וואָס זייערע אַדרעסן זענען אייך נישט באַקאַנט, אָבער די קאָמיטעטן אויפן אָרט קענען זיי אויסגעפינען;

4. דער קאָמיטעט אין ישראל זאָל אין דער געהעריקער צייט צושיקן אַן אַרטיקל וועגן צוזאַמענפאָר צום „פאָרווערטס" אין ניו-יאָרק און אין אַנדערע יידישע צייטונגען.

5. אייער קאָמיטעט זאָל פּריציייטיק זאָרגן דערפאַר, אַז די אָנטיילנעמער אין צוזאַמענפאָר זאָלן באַקומען איינטריט-קאַרטן אויף דער טריבונע, כדי צו קאָנען זען דעם פאַראַד פון דער ישראל-אַרמיי אין ירושלים.

איך פּערזענלעך אַפּעליר פון דעם אָרט צו די לובלינער אין דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זאָלן באַטראַכטן דעם צוזאַמענפאָר אַלס אַן ערנסטע און וויכטיקע געשעעניש אין אונדזער לעבן. 25 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס ווירקט טאָג-טעגלעך אויפן לעבן פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט, גיט זיי צו כוח און מוט, דערלויבט זיי צו קוקן אין דער צוקונפט מיט גרויסער האָפענונג. מיר זענען אַלע שטאָלץ מיט ישראל, מיט איר אַנטוויקלונג. איר יום-טוב איז אונדזער אַלעמענס יום-טוב און מיר פרייען זיך צוזאַמען מיט אַלע.

דער צוזאַמענפאָר פון די לובלינער צום 25סטן יאָרטאָג פון מדינת ישראל איז אַ געלעגנהייט, וואָס יעדער לובלינער דאַרף אויסנוצן און אַקטיוו אָנטיילנעמען.

שלום! צום טרעפן זיך אין ישראל.

# א וואָרט צו די לובלינער אין דער וועלט וועגן פאַראייביקן לובלין פון 20־טן יאָרהונדערט

מאיר שילדקרויט / תל־אביב

אויף איינער פון די פלענאַרע זיצונגען פונעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון דער פאַמיליע זיידענווערג, און שפּעטער — אויף אַ זיצונג פונעם רעדאַקציע־קאָלעגיום פון „לובלינער שטימע", מיטן אָנטייל אויך פון פּראָפ׳ נ. בלומענטאַל, פּראָפ׳ נ. קאָרן און מאיר שילדקרויט — איז אויסגעהערט געוואָרן דער פּראָיעקט וועגן פאַראייביקן די יידישע לובלין אין אַ ספר. די רעדאַקציע פון „קול לובלין" האָט געבעטן דעם פריינד שילדקרויט צו טיילן זיך מיט זיין פּלאַן מיט די לייענער פון אונדזער אויסגאַבע. וואַרטן מיר טאַקע אויף אייערע אָפּרופן און אויך קאָנקרעטע פּלענער ווי אַזוי רעאַליזירן דעם פאָרשלאַג, כדי אויפן נאָענטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער, זאָלן מיר צוטרעטן רעאַליזירן דעם פּלאַן.

אין נאָענטסטן נומער „לובלינער שטימע" וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אַ גרעסערע אַרבעט אויף דער טעמע.

מיר גרויסן זיך, און מיט רעכט — מיטן ייחוס פון דער שטאָט לובלין. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין דער געשיכטע פון דער יידישער לובלין, אָבער אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק איז דאָך נייטיק.

די ערשטע יידן האָבן זיך באַזעצט אין לובלין אין יאָר 1475; אין 15טן יאָרהונדערט זענען אויפגעבויט געוואָרן די מהר"ם- און מהרש"ל-שולן. אין 1580 איז געשאַפן געוואָרן דער ועד ארבע ארצות, וועלכער האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1764. די פּאָגראָמען פון די כמיעלניצקיס האָבן נישט אויסגעמיטן לובלין. אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט האָבן די יידן אין לובלין ערשט אין יאָר 1863, מעגלעך אונטערן איינפלוס פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1848 („פרילינג פון די פעלקער").

גרויסע יידישע גאונים האָבן גייסטיק באַווירקט דאָס יידישע לעבן אין לובלין ווי: דער חוזה, יעקב פּאָלאַק, די לעגענדע פון שאול וואהל, די אייגערס און אַנדערע. אויף די־אָ גייסטיקע געשטאַלטן פאַררופן מיר זיך כסדר בעת לובלינער טרעפן זיך אויף פאַרשידענע פייערונגען, יזכור-אָוונטן, צי אַנדערע אונטערנעמונגען.

פרעג איך די לובלינער אין דער וועלט: וואָס ווייטער? וואָס איז מיט לובלין פון 20סטן יאָרהונדערט? מילא, מיר ציען אונדזער יניקה פון די פריערדיקע דורות, וועלכע האָבן דורך זייער גייסטיקער ירושה געשאַפן דעם באַגריף „לובלין — עיר ואם בישראל". אָבער וואָס לאָזן מ י ר איבער פאַר די קומענדיקע דורות וועגן לובלין פון אונדזער דור?

מיר טאָרן נישט לאָזן קיין בלויז אין דער געשיכטע פונעם יידישן לובלין אין 20סטן יאָרהונדערט. דעריבער לייג איך פאָר:

דער וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער פייערונג פון 25 יאָר מדינת ישראל, זאָל באַשליסן צו פאַראייביקן דאָס יידישע לובלין פון 20סטן יאָרהונדערט דורך אַרויסגעבן אַ פּנקס, וועלכער זאָל אַרומנעמען אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן און אומגעקומען אין דעם יאָרהונדערט.

איך טייל איין די דאָזיקע תקופה אין 3 פּעריאָדן:

פון 1900 ביז 1939 — די ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די יידן אין לובלין; די גייסטיקע געשטאַלטן וועלכע האָבן געווירקט אין לובלין; דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה; דאָס אַנטשטיין פון אַ זעלבשטענדיק פּוילן. דער אויפקום פון פאַרשידענע באַוועגונגען, פּאַרטייען, אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן אאַז"וו.

דער צווייטער טייל — דער אומקום פון דעם יידישן לובלין. הגם ס׳איז שוין וועגן דעם געשריבן געוואָרן זייער פיל, זענען אָבער פאַראַן צענטליקער לובלינער אין דער וועלט, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם אומגליק און זייערע איבערלעבונגען זענען נישט פאַרשריבן געוואָרן, און גאַנץ באַזונדערס — די העלדישע מעשים פון די געראַטעוועטע, די פרווון פון אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, דער אומקום אויף קידוש-השם פון גרופּן און יחידים — דאָס אַלץ מוז איינגעזאַמלט ווערן אין אָט דעם פּנקס.

דער דריטער טייל וועט דאַרפן זיין געווידמעט דער טעטיקייט פון די לובלינער אין ישראל און אין דער וועלט.

דער וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל וועט דאַרפן אויסוויילן אַ ראַט, וועלכע זאַל באַשטיין פון איינעם אָדער צוויי פאָרשטייער פון יעדן לאַנד, מיט אַ ברייטערן אַרבעט-סעקרעטאַריאַט (מיטן זיץ-אָרט אין ישראל).

די מאַטעריאַלן און די דאָקומענטן צו דער געשיכטלעכער אַרבעט דאַרפן זיך געפינען אין ירושלים, ניו-יאָרק אָדער פּוילן. מ׳דאַרף שוין צוגרייטן קאָמיסיעס פון היסטאָריקער און וויסנשאַפטלער, וואָס זאָלן אָנהייבן זאַמלען דעם מאַטעריאַל.

פּראָקלאַמירן אַן אַקציע צווישן די לובלינער אין דער וועלט און אין ישראל פאַר דעם פּלאַן.

*

לאָמיר צוטרעטן צו דער הייליקער אַרבעט פון פאַראייביקן דאָס 20סטע יאָרהונדערט פונעם יידישן לובלין, אַז עס זאָל נישט זיין קיין וואַקום אין דער גלאָררייכער געשיכטע פון דעם יידישן לובלין.

# כך הובא אפר קדושי מיידאנק לקבר ישראל בתל-אביב

על מכשולים גדולים צריכים היו שרידי לובלין היהודית להתגבר, בטרם קיבלו את הרשיון להוציא מפולין ולהביא לקבורה בישראל תיבה קטנה ובה אפר הקדושים, שנרצחו במחנה־המות במאידאנק. שנים רבות נמשך המאבק למען יעוד זה. אך ב־12 באפריל 1972 — כ״ח ניסן תשל״ב למחרת יום השואה והגבורה — התכנסו בבית הקברות נחלת־יצחק בתל־אביב מאות רבות של יוצאי לובלין ושרידי מקומות אחרים, שקרוביהם נספו בשואה במאידאנק במלחמת־העולם השניה. כולם באו, כדי לחלוק כבוד לקרוביהם וליקיריהם, שאין יודעים את יום מותם. לכל אחד ניתן היה להניח, שהוא מלווה לקבורה בישראל את בני משפחתו שלו.

הלויה והקבורה נערכו לפי כל דיני ישראל. תיבת האפר הונחה על מיטה (כינוי לאלונקה שעליה נושאים את המת לקבורה) וכוסתה בטלית. עד האהל שבבית הקברות נושאים חברי הנשיאות של ארגון יוצאי לובלין את המיטה. ליד האהל קורא החזן י. גרינבלאט פרקי תהלים. הכל אומרים „קדיש" והלוויה ממשיכה את דרכה לעבר השני של בית הקברות. את המיטה בחלק זה נושאים ארבעה מיהודי לובלין, שבנס ניצלו מן השואה: איזנברג (מלוס אנג'לס), קראסוצקי, צוקרמן והערץ־לענקעוויטש. אחריהם — הגברות רפפורט־אלבלינגר, פלדמן־לאסקובסקי (משארית הפליטה) ולאה קוריס עם זר פרחים מיוצאי לובלין בישראל. הלויה עוברת על פני החלק הצבאי של בית הקברות והמצבה שהוקמה לזכר קדושי טרבלינקה ובאה למקום, שבו עומדות המצבות לזכר קהילות יהודי פולין, לבוב, קולומיי ועוד. וכאן מוקם לוח ועליו הכתובת:

במקום זה נטמן אפר קרבנות מאידאנק וכאן תוקם מצבה לזכר קדושי לובלין.

באווירה של יראת הכבוד ובדומיה בלתי־רגילה, הנפסקת מדי פעם בפעם בקול בכי ואנחות המתפרצות מלבותיהם של הכואבים, — מורידים לקבר את תיבת האפר. כל אחד מרגיש ברגע זה, כאילו הביא לקבר ישראל את האב שנרצח, את האם שהומתה, את האח והאחות שנהרגו או את הילד שהורעל בגאז ונשרף בתנור במאידאנק...

כל הנמצאים באותו מעמד אינם יכולים עוד לעצור בעד רגשותיהם, עיניהם זולגות דמעות וביגון עולים זכרונות־בלהות.



התייחדות עם אפר הקדושים בבית־הקברות נחלת־יצחק

יושב־הראש של ארגון יוצאי לובלין, דוד שטוקפיש, נושא את דברו ומטעים את החשיבות של הקבורה הסימלית ושל המצבה שתוקם לזכרם של למעלה מארבע רבבות יהודי לובלין, אשר הושמדו באכזריות בכל מיתות משונות על־ידי הרוצח הגרמני. המצבה תעמוד בשכנות המצבות של קהילות אחרות, שסופן היה כסופה של לובלין היהודית, ובקרבת הקברים של חיילי־צה״ל, אשר נפלו חללים ובמות־הגיבורים שמו לאל מזימות ערבים להשלים את „הנסיון הגרמני להשמדת עם".

הרב יצחק ידידיה פרנקל נושא דברו, המעמיק לחדור לתוך הלבבות, מספר על מאמציו להביא עצמות ואפר ממחנה־המות טרבלינקה ומזכיר את ביקורו בלובלין, בבית־הקברות היהודי הישן, שבו מספרות מצבות שעל קברי גאונים ורבנים מפורסמים על גדולתה של לובלין בתורה ובחכמה. „עיר כזאת ראויה, שינציחוה בכל אופן שהוא ולמקום זה צריכים יהיו יהודי לובלין לבוא להתייחד עם קדושיהם!" — מטעים הרב פרנקל.

עד עומק הלב נגעו דבריו הקצרים של ישראל איזנברג מלוס אנג'לס, אחד המעטים משרידי לובלין, שניצלו מן ה„אקציה" האחרונה שנערכה במאידן טאטארסקי.

"ראו, מה נותר מלובלין שלנו!" — קרא בהצביעו על האפר שנקבר זה עתה. גם הוא העלה על נס את החשיבות שבהנצחה — בל יישכח מה שעשה לנו עמלק הגרמני.

בקולו הרם משמיע החזן גרינבלאט את „אל מלא רחמים" — תחת כיפת השמים, בין המצבות, והדברים חודרים עמוק־עמוק לתוך לבותיהם של כל הנוכחים. שוב זולגות העיניים דמעות, נשמעות אנחות — עד שהרב פרנקל נותן אות לשיר „אני מאמין".

בקול חנוק, אך באמונה שלמה בלב, שלא תאופשר עוד מאידאנק, — נסתיימה קבורת התיבה הקטנה עם האפר...

## זכור!

**מצבת-זכרון לקדושי לובלין ומיידאנק שתוקם בנחלת-יצחק — היא גם מצבה על קברים הבלתי ידועים של קרוביך, יקיריך וידידיך שניספו בשואה.**

אנא, השתתף בהקמת האנדרטה ליהדות לובלין. תנציח את בני משפחתך שעצמותיהם לא הובאו לקבר ישראל.

תרומות נא לשלוח:

**ארגון יוצאי לובלין, חשבון בנק הדואר: 4/27638/6.**

# אש פון מיידאנעק געברענגט צו קבר ישראל אין תל־אביב



לובלינער יידן אין ישראל און אויך די וועמענס קרובים זענען אומגעקומען אינעם טויטן-לאַגער אין מיידאַנעק, זענען אין די הונדערטער זיך צונויפגעקומען אויפן בית-הקברות אין נחלת יצחק (תל-אביב), כדי זיך באַטייליקן אינעם טרויעראַקט פון קובר זיין דאָס אַש וואָס איז מיט אַ צייט צוריק צוגעשיקט געוואָרן פון לובלין. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אַזוי אַרום געוואָלט אָפּגעבן כבוד די קדושים פון דער יידישער לובלין, זייער גוט באַקאַנטע נאָענטע און טייערע, די אומגעקומענע אויף קידוש השם — נאָר קיינער ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

די קבורה איז פאָרגעקומען צומאָרגנס נאָכן יום השואה והגבורה, מיטוואָך דעם 12טן אַפּריל — כ״ח ניסן תשל״ב, לויט אַלע דינים פון ברענגען אַ מת צו קבר ישראל. דאָס קעסטעלע מיט אַש איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ מיטה און איבערגעדעקט מיט אַ טלית. עס רירט דער טרויער-צוג. די מיטה ווערט געטראָגן ביזן אהל דורך די פּרעזידיום-מיטגלידער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. ביים אהל האָט דער חזן י. גרינבלאַט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים. דער עולם זאָגט קדיש — און די לווייה רירט צו דער צווייטער זייט פון בית הקברות. דאָסמאָל טראָגן די מיטה פיר ניצול-געוואָרענע פונעם חורבן לובלינער יידן: אייזענבערג (פון לאָס אַנזשעלעס), קראַסוצקי, צוקערמאַן און הערץ-לענקעוויטש. הינטער זיי — די פרויען ראַפּאָפּאָרט-עלבלינג, פעלדמאַן-לאַסקאָווסקי (פון דער שארית הפליטה) און לאה קוריס מיטן קראַנץ בלומען פון די לובלינער אין ישראל. דער צוג גייט פאַרביי דעם מיליטערישן טייל פון בית עלמין, דעם טרעבלינקע-דענקמאָל און קומט צו צום אָרט, ווו עס שטייען איינציקע מאָנומענטן לזכר פאַרשניטענע יידישע קהילות אין פּוילן, ווי: לעמבערג, קאָלאָמיי אאַנ״ד. אָט באַוויזט זיך אַן אויפשריפט:

„דאָ האָט מען קובר געווען דאָס אַש פון די קרבנות אין מיידאַנעק און אויף דעם אָרט וועט ווערן אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין.״

מיט יראת הכבוד, ביי אַן אויסערגעוויינלעכער שטילקייט, וואָס ווערט טיילמאָל איבערגעריסן מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין און זיפצן, ווערט דאָס קעסטעלע מיטן אַש אַראָפּגעלאָזט אין קבר. יעדער פילט אין דעם מאָמענט, ווי ער וואָלט געברענגט צו קבר ישראל דעם אומגעקומענעם טאַטן, די דערמאָרדעטע מאַמע, דעם פאַרפייניקטן ברודער און שוועסטער, צי דאָס פאַרגאַזטע קינד. געריררטקייט, טרערן, טיפער טרויער און קאָשמאַרע זכרונות באַהערשן אַלעמען.

דער פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין בישראל, דוד שטאָקפיש, שטרייכט אונטער אין זיין אַרויסטריט די וויכטיקייט פון דער סימבאָלישער קבורה און דעם פאַקט פון אויפשטעלן אויף דעם אָרט אַ דענקמאָל לזכר די העכער פערציק טויזנט יידן אין לובלין, וועלכע דער דייטשער רוצח האָט אומגעברענגט מיט אַלע מיתה משונהס. „דער דענקמאָל וועט שטיין בשכנות פון נאָך פאַרשניטענע יידישע קהילות און נאָענט פון די





קברים פון די געפאַלענע צה"ל-זעל-
נער, וואָס האָבן מיט זייער העלדישן
טויט ניט געלאָזט די אַראַבער איבער-
חזרן דעם ,דייטשן עקספערימענט'
פון אומברענגען אַ פאָלק".

הרב יצחק ידידיה פרענקעל האָט
אין אַ גלענצנדיקער רעדע אין יידיש
דערציילט וועגן זיינע באַמיונגען צו
ברענגען די ביינער און אַש פון
טרעבלינקע, וואָס געפינט זיך דאָ,
אונטערן דענקמאָל פאַר די קדושים
וועלכע זענען אומגעקומען אין יענעם
שרעקלעכן טויט-לאַגער. הרב פרענ-
קעל טיילט זיך אויך מיט זכרונות
וועגן זיין באַזוך אין לובלין, באַזונ-
דערס אויפן אַלטן בית החיים, ווו די
מצבות איבער די קברים פון די גאו-
נים און רבנים האָבן דערציילט וועגן
דער גרויסקייט פון לובלין אין תורה
און חכמה. אַזאַ שטאָט דאַרף פאַר-
אייביקט ווערן אויף אַלע מעגלעכע
אופנים און אויף דעם אָרט וועלן
לובלינער יידן דאַרפן קומען זיך
מתייחד זיין מיט די קדושים.

רירנדיק-האַרציק און איבערצייגנ-
דיק זענען געווען די קורצע ווערטער
פון ישראל אייזענבערג פון לאָס
אַנזשעלעס, איינער פון די געציילטע
ניצול-געוואָרענע לובלינער יידן פון
דער לעצטער אַקציע אויף מיידאַן
טאַטאַרסקי. „קוקט וואָס ס'איז גע-
וואָרן פון אונדזער לובלין" — האָט
אויסגערופן דער רעדנער און אָנגע-
וויזן אויפן נאָר-וואָס באַגראָבענעם
אַש. אויך ער האָט אַרויסגעברענגט
די וויכטיקייט פון פאַראייביקונג, פון
נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן

PAŃSTWOWE MUZEUM
NA MAJDANKU

Lublin, Majdanek, 27 września 1971 r.
Telefony 412-57, 412-58

Nasz znak ..............................

Akt Przekazania Nr 3/71

Państwowe Muzeum na Majdanku w Lublinie przekazuje około 1 kg ziemi pobranej z dołów egzekucji dokonywanych w hitlerowskim obozie koncentracyjnym na Majdanku w Lublinie.

W obozie byli więzieni i mordowani przedstawiciele 51 narodowości w tej liczbie również Żydzi.

Ziemię przekazuje się do przechowania Komitetowi Ziomkowstwa Lubelskiego w Izraelu.

Z up. Dyrektora

Kierownik Działu
Zbiorów i Konserwacji
(Edward Gryń)





לא כל אחד מיהודי לובלין בחו"ל, הרוצה להשתתף בחגיגות חצי היובל של מדינת ישראל ובכנס העולמי של הלובלינאים, יצליח להשיג חדר בבית-מלון או באופן פרטי. אנו פונים אליך בבקשה: להודיע לחברנו משה ווסונג (תל-אביב, רח' בורוכוב 7, טלפון 231026) על רצונך לארח בביתך, בעד תשלום (או בלי), זוג תיירים מבני עירנו, לתקופה של 4 שבועות בערך (מ-15.4 עד 15.5 1973).

מיר בעטן אונדזערע לאַנדסלייט, וואָס האָבן דערצו אַ מעגלעכקייט, אַריינצונעמען צו זיך איינעם אָדער צוויי לובלינער יידן, טוריסטן, וואָס וועלן קומען צו די פייערונגען פון 25 יאָר מדינת ישראל און צו אונדזער וועלט-צוזאַמענטרעף — אויף אַ 4 וואָכן צייט בערך — פון 15.4 ביזן 15.5 1973. מעלדן שריפטלעך, צי טעלעפאַניש, צו משה וואַסאַנג, תל-אביב, רח' בורוכוב 7, טעלעפאָן 231026.





אל מלא רחמים...

# Memorial Candle

Oh, the candles we light!

Heaven must glow hotter than the sun with the flickers of memory for Jewish suffering.

And now, another candle: we ask our readers to light a special candel in memorial for the martyrs of Lublin.

Light this candle at sundown on April 10 — for on April 11, the survivors of the Lublin tragedy will bury in symbolism (oh, the symbolism!) the ashes of Jewish victims of the German in Nachlat Yitzhak Cemetery, Tel Aviv.

The ashes will have come from the Jewish cemeteries at Lublin and Maidanek.

Our staff representative will be Israel Eisenberg who came out alive from a German trench of death, a bullet in the head.

He is chairman of the Lubliner Society of Southern California.

In a message to our readers, Mr. Eisenberg writes:

"I am sure that we all have someone dear in that coffin. We ask that you be there in spirit by lighting a memorial candel at sundown on April 10 to burn to sundown on the day of burial."

מעלדונג אין אַ לאָס-אַנזשעלעסער צייטונג וועגן דעם טרויער-אַקט אין נחלת-יצחק דעם 12טן אַפּריל 1972.

וואָס דער דייטשער עמלק האָט אונדז געטאָן.

דער „אל מלא רחמים" פון חזן גרינבלאַט קלינגט אַפּ אונטערן פרייען הימל און צווישן די מצבות און דרינגט טיף אַריין אין די הערצער און געמיטער פונעם פאַרזאַמלטן עולם. ווידער טרערן, געוויינטקייט, זיפצן — ביז הרב פרענקעל הייסט זינגען „אני מאמין". מיט אַ געשטיקט קול, נאָר מיט אַ פעסטער אמונה אין האַרצן נישט דערלאָזן מער צו קיין מיידאַנעקס — האָט זיך פאַרענדיקט די קבורה פון אַ קליין קעסטעלע אַש...

א. זאַמדער



פון רעכטס אויף לינקס: הרב ידידיה יצחק פרענקעל, מתתיהו האָרן, ישראל אייזענבערג (לאָס-אַנזשעלעס), ד. שטאָקפיש, ד. רובינשטיין בעתן ברענגען צו קבורה דאָס אַש פון מיידאַנעק.



דאָס קעסטעלע אַש פון מיידאַנעק ווערט געברענגט צו קבר ישראל אין מדינת ישראל.

# רשימת התורמים להקמת מצבת־זכרון לקדושי לובלין ומיידאנק

# רשימה פון די שפענדערס פאַרן מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק

(דעקלאַרירט און שוין איינגעצאָלט — ערשטער אויסווייז)

**אין דאָלאַרן**

משה קאַרן (טאַשעמקאָ) — 1000 ד׳ (ערשטע ראַטע); מ. ראָטנבערג (קאַנאַדע) — 200 ד׳; פעפערמאַן (קאַנאַדע) — 100 ד׳; געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט״ אין פּאַריז — 100 ד׳; מענדל מילשטיין (סאַן־פראַנציסקאָ) — 50 ד׳; בוים (קאַנאַדע) — 25 ד׳; לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק — 25 ד׳: פּ. סלאָמאַ (קאַנאַדע) — 15 ד׳.

**צו טויזנט ל״י (ישראלדיקע פונטן)**

מאַקס פרידמאַן (טאָראָנטאָ); ראובן ראָסעט (בראַזיל); זיידנווערג שמואל און צביה (ישראל).

**צו 600 ל״י**

אלתר און פעלאַ זאַבערמאַן (פּאַריז).

**צו 500 ל״י**

פאַמיליע עדעלשטיין־שילדקרויט (פּאַריז); ברום (קאַנאַדע); יצחק זיגעל־וואַקס (דייטשלאַנד); יהושע ווייספיש, יוסף ראַכמאַן, יהושע גאָלדבערג, אפרים קראַסוצקי — פון ישראל.

**צו 300 ל״י**

ווירצער אלתר (ישראל).

**צו 200 ל״י**

מענדל לעווינבוים (פּאַריז); לאַלאַ וואַגנער (ניו־יאָרק); יוסף ליכטענשטיין, משה זאָלצמאַן, אסתר בראָווערמאַן, אינזש׳ בער בריקמאַן, אַדוו׳ מנחם פלדי, לאה קוריס, אינזש׳ נתן ראָזענבוים, וואַלערשטיין יוסף, דוד שטאָקפיש — פון ישראל.

**צו 120 ל״י**

ד״ר אלחנן האָרוויץ — ישראל.

**צו 100 ל״י**

יצחק רייכנשטיין, נחמן קאַרן, לייב מאַנדלבוים, צדוק פענצטערמאַכער, בעלאַ שטול, הלל צוקערמאַן, משה וואָסאָנג, חיים גאָלדבערג, אמירה ורדה, נינאָ רעזניק, יצחק ראָזענצווייג, צפורה זיסוואָסער, יוסף גאָלדשפעלד, משה גערשנמאַיער, ליכטענפעלד־מושקאַט, ד״ר נתן בן־טובים, אריה זאַנדשטיין, ד״ר משה צוקערפיין, אסתר אהרונסון — פון ישראל. שמואל ווייסבראָט (וואַראַו) — פּאַריז.

**צו 70 ל״י**

העלאַ קעלסאַן־הימילבלום.

**צו 50 ל״י**

משה קאַסמאַן, משה ציגעלמאַן, שמעון האַלבעסבערג, צבי ראַטרובין, חווה לערמאַן, יעקב יונגמאַן, קאַפּלאַן־האַלבערשטאַט, חנה בוגאַטש, וואַגשול יוסף, מיטעלמאַן דוד, מאַנדעלמילך משה, דאָמבלוסאַ אַכטמאַן יוסף, שפּיוואַק דוד, נטע קאַפּעלושניק, באַלטשע שטיצער־אַכטמאַן, ישראל גאָשטשעווסקי־אַכטמאַן, יענטע קורבמאַן־אַכטמאַן, לייבל פינקערט.

**צו 25 ל״י**

אריה און צעשע אַבליגענהאַרץ, איתמר שמיר, אברהם זינגער, אברהם ראָזנשער, מרים ראָזענפעלד, דב און העלאַ האַלבעסבערג, שמעון אַבליגענהאַרץ, חנה מינץ, ט. מאַנדעלזיס, ברכה בייגעלמאַן.

**צו 20 ל״י**

שלמה שטאָקפיש, יעקב גרינבערג, פרידאַ ווייסמאַן, פאַמיליע פריילינד, יוסף מער.

---

אונדזער אויסגאַבע „לובלינער שטימע״ דאַרף מען נישט בלויז לייענען, נאָר אויך פאַר איר... באַצאָלן, ווייל זי קאָסט אָפּ אַ 4,000 ל״י (איבער 1000 דאָל׳).

**אַפילו די 5 דאָלאַר פאַר**

**אַן עקזעמפלאַר דעקן קוים**

**די זעלבסט-קאָסטן.**

דעם אָפּצאָל פון אויסלאַנד (מיני-מום 5 דאָלאַר) אַריינשיקן אויפן אַדרעס:

Lea Kuris, Shderot Ben Cyjon 26, Tel-Aviv, Israel.

אין לאַנד: אונדזער קאָנטע אין בנק הדאר.

---

**צו 15 ל״י**

צבי צימרינג, פריידל גרינבערג, ראובן צוקערפיין, יעקב אַקערמאַן.

**צו 10 ל״י**

פאַמיליע העפנער, אריה קופערשמידט, נחמן בלומענטאַל, חנה פערעוואָסקי, אהרון שטערן.

*

דער קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין בישראל דריקט אויס אַן עפנטלעכן דאַנק די לאַנדסלייט יוסף אַכטמאַן און זהבה ליכטענבערג פאַר זייער פרייוויליקן ווידמען זיך דער זאַמלונג פאַרן מאָנומענט ביי די לובלינער אין ישראל. יישר כוח!

---

דער צווייטער אויסווייז פון די שפענדערס וועט דערשיינען אין דער נאָענטסטער אויסגאַבע „לובלינער שטימע״ נר׳ 7, וואָס דערשיינט סוף אַפּריל 1973, לכבוד דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל.

**זאָרגט דערפאַר, אַז אייער נאָמען זאָל נישט פאַרפעלן אין דער צווייטער רשימה. די וואָס האָבן שוין אַריינ-געטראָגן זייער באַשטייערונג — קענען זי פאַרגרעסערן.**

**יעדער אָן אויסנאַם ייד אין ישראל און אין די תפוצות דאַרף זיך מיטבאַטייליקן אין אויפשטעלן די מצבה צום אָנדענק פון די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק.**

אַדרעס פאַר געלט־שפענדונגען פון אויסלאַנד:

**LEA KURIS, Shderot Ben Cyjon 26, Tel-Aviv, Israel**

פון ישראל:

**ארגון יוצאי לובלין בישראל — חשבון בנק הדואר 4/27638/6**



# אימפּראָזאַנטער אָוונט פאַרן דיכטער־עולה פון רוסלאַנד זיאַמע טעלעסין צום צוטיילן אים די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין

זייער איינדרוקספול איז אויסגעפאַלן דער אָוונט לכבוד דעם יידישן דיכטער — נייעם עולה פון ראַטנפאַרבאַנד, זיאַמע טעלעסין, אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוטיילן אים די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון „קדושי לובלין", וועלכע איז צום ערשטן מאָל באַשטימט געוואָרן אויפן היינטיקן יאָר דורך דער לובלינער לאַנדס־מאַנשאַפט און איז געשפּענדעט געוואָרן דורך זייערע לאַנדסלייט אין לאָס־אַנזשעלעס, מערי און יואל גאָלדמאַן.

דער זאַל פון „לייוויק־הויז" איז געווען איבערפולט ביזן לעצטן פּלאַץ מיט ליב־האָבער פון יידישן וואָרט. צווישן פאַר־זאַמלטן עולם האָט מען געזען אַ סך אָנ־געזעענע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן, קינסטלער און קולטור־טוער. דער עצם פאַקט וואָס די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט איז פון די ערשטע, וועלכע האָט באַ־שטימט אַ ספּעציעלע פּרעמיע פאַר יידי־שער ליטעראַרישער שאַפונג, איז אַן און פאַר זיך ווערט צו באַגריסן, און אפשר וועט דאָס דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע פילצאָליקע לאַנדסמאַנשאַפטן ביי אונדז אין לאַנד.

מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: עובדיה פעלד (פאָרזיצער פון אָוונט); דוד שטאָקפּיש (פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין בישראל); די דיכטערס: יוסף קערלער, דוד ספאַרד, בינם העלער



אויפן בילד גאָר אויבן — דאָס פּרעזידיום (פון לינקס): דוד ספאַרד, בינם העלער, יוסף קערלער, עובדיה פעלד (רעדט), זיאַמע טעלעסין, רחל בוימוואָל, דוד שטאָקפּיש. אויף די צוויי בילדער — דער עולם אין בית לייוויק.





און דער לאַורעאַט זיאַמע טעלעסין. פון זיינע לידער האָט מיט טאַלאַנט רעציטירט הדסה קעסטין.

אין נאָמען פון יידישן „פען”־קלוב אין די פאַר. שטאַטן האָט באַגריסט דער שרייבער חיים לייב פוקס.

ביז גאָר רירנד איז געווען די ספּאָנטאַנישע באַגריסונג פון איינער פון די צוהערערינס, די נייע עולה פון ראַטנפאַרבאַנד פאַלאַ אינדיצקאַיאַ.

זיאַמע טעלעסין האָט האַרציק געדאַנקט די אָנוועזנדיקע אין זאַל און דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט פאַר דעם כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן דורך באַלוינען אים מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור־פּרעמיע.

דער אָוונט האָט איבערגעלאָזט אויף אַלע אָנוועזנדיקע אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

נאָכן געלונגענעם אָוונט איז, ביי אַ גלעזל טיי, פאָרגעקומען אַ חברישער מיינונג־אויסטויש. עס האָבן גערעדט: דער דיכטער אַשעראָוויש, נייער עולה פון ר״פ; רחל בוימוואָל (די פרוי פון זיאַמע טעלעסין), דיכטער אברהם סוצקעווער און דער אַרטיסט שמעון דזשיגאַן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אויב אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן וועלן אָנהייבן טיילן ליטעראַטור־פּרעמיעס — וועלן אויספעלן דיכטער...

✶

אינעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס”, אינעם אַרטיקל „ישראל אַלס צענטער פון יידישער קולטור” — שרייבט צוו. אַנד. ש. ל. שניידערמאַן:

מיט אַ באַזונדערן פאַרנעם איז אין לייוויק־הויז דורכגעפירט געוואָרן דער אָוונט געווידמעט דעם סאָוועטיש־יידישן פּאָעט זיאַמע טעלעסין, וועמען עס איז צוגעטיילט געוואָרן די ערשטע יערלעכע ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מדינת ישראל. דעם פאָנד פאַר דער דאָזיקער נייער פּרעמיע איז געגעבן געוואָרן דורך די לובלינער לאַנדסלייט פון קאַליפאָרניע, מערי און יואל גאָלדמאַן.

עס איז סימבאָליש, אַז צווישן די צאָלרייכע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל האָבן גראָד די לאַנדסלייט פון דעם אומפאַרגעסלעכן יעקב גלאַטשטיין געשאַפן דעם ערשטן פּרייז פאַר ליטעראַטור, וואָס איז היי־יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פאַר אַ יידישן פּאָעט פון דער אוקראַינע. דער פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, דוד שטאָקפיש, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם פּרייז פון 3,000 פונט צו זיאַמע טעלעסין, האָט אויסגעדריקט די

(סוף אויף זייט 26)

## געסט גייען... געסט קומען...



אויך אין משך פון אָפּגעלאָפענעם יאָר האָבן צענדליקער לובלינער אין די תפוצות באַזוכט מדינת ישראל. און זאָל דאָ, גלייך געזאָגט ווערן: די לאַנדסלייט וואָס האָבן געפונען פאַר נייטיק צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן קאָמיטעט, זענען אויפגענומען געוואָרן אויף קלענערע צי גרעסערע צוזאַמענטרעפן פון לובלינער און ס׳זענען ביי זיי פאַרבליבן אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן. אונדזער קבלת־פּנים פאַר די געסט האָט זיי תמיד אַריינגעפירט אין אַן אַטמאָספער פון היימישקייט, משפּחהדיקייט, וואַרעמקייט.

לאָמיר איצט דערציילן וועגן אייניקע אַזעלכע אויפנאַמען — און אויב, חלילה, מ׳האָט וועמען פאַרגעסן, זאָל ער אונדז מוחל זיין. זאָלן די „פאַרגעסענע” אַריינשיקן דערמאָנונגען — און מיר וועלן גערן שרייבן וועגן דעם אין נאָענטסטן נומער „לובלינער שטימע”.

אויפן יערלעכן באַל פון די לובלינער לכבוד דעם 24סטן יום העצמאות, האָבן מיר באַגריסט די פאָלגנדיקע, טייערע געסט: באַלטשע און ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס; יוסף און אַנאַ ברום, שרהלע און זיסל פּעפּערמאַן — פון טאָראָנטאָ; טובה און ראובן ראָסעט — פון סאַן־פּאַולאָ; מינאַ און שמעון זאַלהאַליץ און נתן האספּיגעל — פון ניו־יאָרק; אברהם בירמאַן (לאָקס) — פון בערלין.

אין „בית לייוויק” זענען פאָרגעקומען 2 קבלות־פּנים פאַר: פייגעלע און אלתר זאַוובערמאַן; גיטעלע און יידל עדעלשטיין; מענדל לעווינבוים; דאַווידסאָן; פאַמיליע שפּיץ — פון פּאַריז; ליובאַ און משה קאָרן; משה גראַנאַטשטיין — פון דייטשלאַנד; באַלטשע און ישראל אייזענבערג — לאָס־אַנזשעלעס; סילוואַ און יצחק זיגעלוואַקס און אייזיק ראָזענבוש — פון בריסל; לאַלאַ וואַגנער, בעלאַ שאל און ראובן פרידמאַן — פון ניו־יאָרק; טאַבקע גאָלדבוים־מענדעלסאָן פון מעלבורן; פאַלע און סוכער פּאַכטשאַש פון מאָנטרעאַל; פּרענצים און מאיר פרידמאַן; פרידאַ און משה ראָטענבערג און געלבאַרד פון טאָראָנטאָ; יואל, יעקב



און גאָלדע גראַדעל — פון בוענאָס־איירעס און די נייע עולים פון בראַזיל — צעשע און סימאָן זיידענווערג.

לעצטנס האָבן מיר מקבל־פּנים געווען נחום און זאַשע פּערלמוטער מיט איר שוועסטער פון פּאַריז, איר ברודער בוימאל פון שטאָקהאָלם און אַנ״ד.

אויף די אַלע צוזאַמענטרעפן האָט מען באַגריסט די געסט, וואָס האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען גערעדט מיט פיל סענטימענטן וועגן דער אַלטער היים, באַגייסטערט זיך מיט דער יידישער מדינה און דערציילט וועגן זייער אַקטיוויטעט פאַר לובלינער אויף די ערטער און פאַר ישראל.

איצט גרייטן מיר זיך אויפצונעמען אַ סך אַ סך לאַנדסלייט אויפן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער.

להתראות!



אויף די דריי בילדער — אייניקע מאָמענטן פון די קבלות־פּנים פאַר אונדזערע לאַנדסלייט פון אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך אאַנ״ד לענדער.

# פאַרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל...

(אַ בינטל זכרונות פון דער אַלטער היים און פון נייעם לאַנד)

סימאָן זיידענווערג * / בת־ים

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך צום דריטן מאָל עולה געווען אין דער יידישער מדינה. דעריבער זעט מיר אויס מאָדנע, וואָס מען באַצייכנט מיך אַלס נייער עולה. פון דער פריסטער יוגנט האָב איך נישט נאָר געשטרעבט צו זיין אין ארץ־ישראל, נאָר שוין צוויי מאָל געווען אין לאַנד. פון 9 יאָר האָב איך אָנגעהויבן דענקען, אַז מיין אָרט איז נישט אין פוילן, נאָר ארץ־ישראל, וועלכע כ׳האָב אָנגעהויבן פאַררעכענען אַלס מיין היים. דעמאָלט האָב איך נאָך געלערנט אין חדר.

## אַ מעשה מיט אַ בלוי־ווייסער פאָן

שפּעטער, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין אַריין לערנען אין ווערבערס שול, האָט זיך ביי אונדז קינדער געשאַפן דער געדאַנק, אַז מען דאַרף פאַר עפּעס קעמפן. איך האָב אָרגאַניזירט אין דער שול אַ גרופּע וואָס האָט באַשטימט צו מאַכן אַ בלוי־ווייסע פאָן. די פאָר גראָשן וועלכע כ׳האָב באַקומען פון מיינע עלטערן אויף נאַשוואַרג, האָב איך געגעבן פאַר דעם צוועק. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע מיינע חברים. (אפשר געפינט זיך ווער פון אונדזערע לובלינער וואָס געדענקען דעם עפּיזאָד — וואָלט איך זיך גערן מיט אים געטראָפן).

אין יענער צייט האָבן מיר געפירט „מלחמות" — מיר האָבן זיך אָפט געשלאָגן מיט פּוילישע ייִנגלעך אויף די וואָלער לאָנקעס. מיר האָבן אַפילו געהאַט פאַרוווּנדעטע.

אונדזער פאָן האָט געדינט צו פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס. ווען מען האָט דערהערט פון לאָנדאָן די בשורה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָב איך מיט מיינע חברים מאַרשירט אין דער דעפילאַדע, בראש מיט דער פאָן. אונדזער לאַנדסמאַן הערינג, וועלכער וווינט נישט ווייט פון חיפה, איז געריטן אויף אַ ווייס פערד און אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער דעפילאַדע. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין 1961 און מיר האָבן מיט פאַרגעניגן געשמועסט.

איך געדענק נאָך די רעפעראַטן וואָס מען האָט געהאַלטן אין יענער צייט. יעדער האָט אויף ישראל־צוועקן געגעבן אַ סך — און מיט האַרץ. פרויען האָבן אַראָפּגענומען די פינגערלעך און אַנדערע צירונג — כדי צו בויען אונדזער לאַנד.

## איך פאָר קיין ארץ־ישראל — נאָר מ׳לאָזט נישט אַריין...

אין עלטער פון 15 יאָר האָב איך מיט אַ חבר באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דער טאָג איז באַשטימט געוואָרן




דער סערטיפיקאַט פון ס. זיידענווערג, אַרויסגעגעבן דעם 24.9.1925 אין ווין.

אויף שבת פאַרנאַכט. קומענדיק אַהיים פון שול, האָב איך דערציילט מיינע עלטערן וועגן פּלאַן. די ערשטע פראַגע זייערע איז געווען: ווי אַזוי איך וויל פאָרן, ווו וועל איך נעמען אַ פּאַס און געלט? עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן די רייד פון מיינע עלטערן און דאָס געוויין פון דער מוטער. 12 ביינאַכט בין איך אַוועקגעפאָרן צו דער רומענישער גרענעץ און נאָך 8 חדשים פּלאָגן זיך און וואַנדערן, בין איך אָנגעקומען אין חיפה מיט אַ לאַסט־שיף און אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, אַז איך בין געבוירן אין אָדעס (די דאָזיקע שטאָט האָב איך אויסגעקליבן, ווייל פאַר מיר איז זאבּ זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז געבוירן אין אָדעס, געווען אַ גרויסער אידעאַל).

אין חיפה האָט מען מיך, ליידער, נישט אַראָפּגעלאָזן פון דער שיף, ווייל די ענגלענדער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער פּאַס איז אַ געפעלשטער. אין יפו איז געווען דאָס זעלבע. קיין פּאָרט אין אין יענער צייט נישט געווען און די שיף איז געשטאַנען ווייט פון ברעג. שווימען האָב איך נישט געקענט. אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען ביינאַכט אַראָפּגעשפּרונגען פון שיף און אָנגעקומען קיין תל־אביב.

די שיף איז אָפּגעשוווּמען קיין עגיפּטן. אין פּאָרט אַלעקסאַנדריע האָב איך פאַר מיינע לעצטע גראָשנס געקויפט אַ פּאָר זייער ברייטע הויזן, וועלכע עס טראָגן די אַראַבער, זיך פאַרבונדן מיט אַ האַנטעך דעם קאָפּ און אַראָפּ פון שיף צוזאַמען מיט די אַראַבישע אַרבעטער. מיט דער הילף פון די עגיפּטישע יידן און אַ דאַנק מיין גרויסן ווילן, בין איך אָנגעקומען אין ארץ־ישראל.

## לובלין — ארץ־ישראל — פראַנקרייך

לאַנג האָט עס נישט געדויערט. דורך אַ צופאַל האָבן די ענגלענדער מיך געכאַפּט און צוליב מיין פאַלשן פּאַס אַרויסגעשיקט פון לאַנד, אויך מיט אַ קליינער לאַסט-שיף, וואָס האָט געפירט האָלץ און רייז פון עגיפּטן. די שיף איז געפאָרן אַ לאַנגע צייט דורך פאַרשידענע פּאָרטן, ביז איך בין צוריק געקומען קיין גאלאַץ (רומעניע) און אַ דאַנק די דאָרטיקע יידן האָט מען מיך אַראָפּגעלאָזט פון דער לאַסט־שיף. עס האָט געדויערט אַ יאָר צייט ביז מיר איז געלונגען צו קומען קיין לובלין. דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1922.

אָבער איך האָב זיך נישט באַרויִקט. דער איינציקער געדאַנק מיינער איז געווען: נישט לאָזן זיך באַהערשן פון יאוש און אַלץ טאָן, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַזוי זענען פאַרביי דריי יאָר. אין 1925 יאָר האָט אַ גרופּע פון מיינע חברים געוואָלט, אַז איינער פון אונדז זאָל פאָרן אויף דעם 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר, ווייל איך בין אין יענער צייט שוין געווען אַ מענטש מיט אַ „פאַרגאַנגענהייט", געהאַט געלט און זיך געקאָנט דערלויבן

* דער מחבר, אַ נייער עולה פון בראַזיל, האָט הינטער זיך אַ „סטאַזש" פון דריי מאָל עולה זיין קיין ארץ־ישראל — און נישט געקענט בלייבן אין לאַנד צוליב פאַרשידענע סיבות, וועלכע ער גיט אָן אין די זכרונות. איצט איז זיין עליה אַן ענטגילטיקע — און מיט 2 חדשים צוריק איז ער צוקאָפּטירט געוואָרן צום קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

צו פאָרן אויף אייגענע הוצאות, ווייל אונדזער קאַסע איז געווען ליידיק.

דאָס פאָרן צום קאָנגרעס האָב איך פאַרבונדן מיטן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. פאַר יענעם יאָר זענען געווען 200 סערטיפיקאַטן — און איך האָב באַקומען איינעם פון זיי. איך בין דאַן געווען דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט. איך האָב אויסגענוצט די אינטערוועניץ פון זאב זשאַבאָטינסקי און דעם 21סטן אָקטאָבער 1925 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. איך האָב נאָך די „תעודת עולה” פון יענער צייט.

ביז סוף 1927 האָב איך אין ארץ־ישראל אויסגעפירט אַלע אַרבעטן. קיין שום זאַך איז מיר נישט געווען שווער. כ׳בין אָבער קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. איך בין אַוועק קיין פראַנקרייך. אין פּאַריז האָט מיך געצויגן צו מיינע חברים און צו מיין פאַמיליע. בין איך אין 1928 צוריק געקומען קיין לובלין. עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו עפענען אַ שיך־פאַבריק וואָס האָט פראָספּערירט. דערנאָך באַקענט זיך מיט מיין איצטיקער פרוי — זי שטאַמט פון די בידערמאַנס. פיל לובלינער געדענקען זיכער איר ברודער יחזקאל בידערמאַן. אין 1930 האָב איך חתונה געהאַט. דאַן האָב איך חוץ דער פאַבריק אויך געהאַט אַ שיך־געשעפט אויף דער ריבנע גאַס. עס האָט אָבער געצויגן אַוועקצופאָרן. כ׳האָב אַלץ ליקווידירט און אין פעברואַר 1931 ווידער אָנגעקומען קיין פראַנקרייך. ליידער, איך האָב אין פּאַריז נישט געקאָנט בלייבן צוליב שוועריקייטן מיט די פּאַפּירן און דעריבער זיך באַזעצט אויף דער פּראָווינץ. יעדע וואָך פלעג איך קומען קיין פּאַריז און זיך טרעפן מיט מיינע לאַנדסלייט פון לובלין, איבערהויפּט מיט מיין חבר לייבעלע עדעלשטיין ז״ל. אַזוי איז געווען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בעת דער מלחמה האָב איך זיך מאָבילאיזירט אַלס פרייוויליקער אין פראַנצויזישן פרעמד־לעגיאָן. איך בין דאָרט געווען מיט פיל לובלינער. אָבער ווען היטלער האָט אָקופּירט פראַנקרייך, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן מיט מיין פרוי און קינדער אין דער נישט־אָקופּירטער זאָנע און אַ דאַנק דעם האָבן מיר זיך געראַטעוועט.

נאָך דער מלחמה האָב איך אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיטן בית״ר אין פּאַריז. איך האָב באַשלאָסן באַזעצן זיך אין ישראל.

---

**צוליב מאַנגל אין אָרט, זענען אייניקע אַרטיקלען נישט אַריין אין איצטיקן נומ׳ „קול לובלין”.**

זיי וועלן דערשיינען אין נומ׳ 7 „לובלינער שטימע” וואָס דערשיינט אין אַפּריל 1973.

---

## דעם גרעסטן כבוד — לייבעלע עדעלשטיין ז״ל

גלייך נאָכן קריג זענען מיר צוריק געקומען קיין פּאַריז. מיר האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַלע לובלינער לאַנדסלייט. דעם גרעסטן כבוד קומט לייבעלען עדעלשטיין, ווייל ער האָט זיין גאַנצע צייט געווידמעט פאַר דעם צוועק. ער איז געווען אין פּאַריז אונדזער מנהיג, ער האָט יעדן פאַרטראָטן, אַלץ געטאָן. דאָס וואָס איז געווען שווער פאַר אַ צווייטן — איז פאַר אים געווען גרינג. די טעטיקייט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט איז געשטאַנען ביי אים אויפן ערשטן אָרט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן ווילן צו פאָרן קיין ישראל און ער האָט עס דערגרייכט. איך האָב אים געזען צוויי מאָל אין ישראל, ער איז דאָ געווען גליקלעך.

צו מיין דריטן קומען אין לאַנד האָט מיך געטראָפן אַ גרויסער קלאַפּ — לייבעלע איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

## מיט לובלינער אין ישראל

קומענדיק אין לאַנד, האָב איך זיך געטראָפן מיט טייערע לאַנדסלייט־חברים און איך האָף, אַז די אַרבעט וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן — וועט ווייטער געפירט ווערן. איך דאַנק פאַרן כבוד וואָס זיי האָבן מיר צוגעטיילט — איך זאָל מיטאַרבעטן אין קאָמיטעט. איך גלויב, אַז נישט נאָר מיר וועלן פאַרווירקלעכן די שטרעבונג צו שטעלן אַ דענקמאָל, נאָר מיר מוזן אין ישראל האָבן אַן אייגן הויז, וואָס זאָל דינען אַלע לובלינער לאַנדסלייט אין דער מדינה און אויף דער וועלט. ס׳זאָל זיין אַ היים פאַר אונדזער יוגנט, פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך. פאַר אונדז שטייט אַ גרויסע אויפגאַבע און מיר דאַרפן זיך נעמען צו דער אַרבעט. איך גלויב, אַז אַלע לאַנדסלייט אין דער וועלט וועלן העלפן.

## אַ גרוס פון אַרגענטינע

איך וויל צום סוף באַמערקן — מיט דריי חדשים צוריק בין איך געווען אין בוענאָס־איירעס. איך בין דאָרט געווען אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט לובלינער לאַנדסלייט און געהאַט אַ סך פאַרגעניגן. אַלע האָבן זיך אויסגעפרעגט וועגן ישראל. זיי שיקן אַ גרוס. זיי האָבן דורכגעפירט אַ זאַמלונג פאַרן דענקמאָל.

---

# תלמיד האוניברסיטה העברית קיבל מילגה לזכר הסטוריונית מלובלין שנספתה בשואה

תלמיד מחקר באוניברסיטה העברית, מר צבי אביטל, קיבל (ב-25.11.71) מילגה בסכום של 1,500 ל״י לזכרה של בלה מנדלסברג-שילדקרויט, ה-היסטוריונית היהודיה מלובלין שנספתה בשואה. מר אביטל קיבל את המילגה על עבודתו: „יהדות לובלין בשואה”. המילגה הוענקה לו על-ידי



פרופ׳ נחמן בלומנטל (נואם) ומזכיר הארגון, מתתיהו הורן — בטקס חלוקת המילגה למר צבי אביטל.

האגודה להנצחת שמה של ההיס-טוריונית המנוחה וארגון יוצאי לובלין בישראל.

טקס הזכרון וחלוקת המילגה התקיימו במסגרת אירועי ההתיחדות עם זכר קדושי לובלין, והשתתף בו קהל רב של יוצאי לובלין בישראל. בטקס נשאו דברים מר ישראל גוטמן, בשם החוג להיסטוריה של עם ישראל באוניברסיטה העברית, פרופ׳ נ. בלומנטל, מטעם האגודה להנצחת שמה של המנוחה, ד״ר קרמיש, מזכיר „יד ושם”, מר מ. הורן, בשם ארגון יוצאי לובלין ומר צבי אביטל, שסקר את עבודתו.

הדוברים סיפרו על חשיבותה של לובלין כמרכז יהודי בולט בפולין לפני השואה, על יהדות לובלין בשואה ועל הפעולות מיד לאחר המלחמה להצלת חומר תעודי חשוב, הנוגע ליהדות לובלין בפרט ויהדות פולין בכלל.

# יידישער ספּאָרט־קלוב „וויעניאַוואַ“ / שלמה שטאָקפּיש / חיפה

דער קולטורעלער אויפשטייג, וואָס האָט אַרומגענומען פּוילן, צווישן די ביידע וועלט־מלחמות, האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטאָט לובלין מיט אירע ווייטסטע פּעריפעריעס.

איינע פון די פאַרשטעט איז געווען וויעניאַוואַ (טשעכיוו). ווי די לעגענדע דערציילט, איז זי נאָך אַנטשטאַנען פריער ווי לובלין און האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפטן פון דעמאָלטיקער זעלבשטענדיקייט — אַן אייגענעם רב און אייגענע גמינע.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע באַוווסטזיניקע יוגנטלעכע — די דריי ברידער ק ר ע מ ע ר, פון וועלכע הערשל לעבט אין ישראל, חיים — אין ראַטנפאַרבאַנד און מאָטל איז אומגעקומען ביי קעניגסבערג אין יאָר 1939; ישראל גאָלדבערג — געפינט זיך אין אַמעריקע; אברהמטשע וואָלערשטיין — געפינט זיך אין דער שווייץ; פּייזל טיש — וווינט אין פּוילן, און ישראל קוריץ, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרן אין דער עלעקטרישער סטאַציע אין חיפה מיט איי־ניקע יאָר צוריק — איז מען צוגעטרעטן צו גרינדן אַן אומ־פּאַרטייאישן יידישן ספּאָרט־קלוב. ביי די דעמאָלטיקע באַ־דינגונגען אין פּוילן איז עס געווען ממש אוממעגלעך.

אָבער אַ דאַנק דעם סעקרעטאַר פון ספּאָרט־קלוב „שטערן“ פעלדמאַן, מיט דער הסכמה פונעם לינקן „פּועלי־ציון“־טוער, פּרעזעס פון „שטערן“ — שלמה מיטעלמאַן, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט דעם סטאַטוט, איז געלונגען אָפּצונאַרן דעם סטאַראָסטע, אַז דאָס איז בלויז אַן אויטאָנאָמישע אָפּטיילונג פון „גוויאַזדאַ — שטערן“ און באַקומען די לעגאַליזאַציע אויפן נאָמען „יידישער ספּאָרט־קלוב וויעניאַוואַ“.

אין אָנהויב 1932 איז דער קלוב געווען אַ „ווילדער“. געשפּילט נישט אָפיציעל מיט „ווילדע“ יידישע און פּוילישע קלובן מעטשן אויף נישט קיין אָפיציעלע פּלעצער, פעלדער און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען איך בין געקומען וווינען אין טשעכיוו און אַריינגעטרעטן אין קלוב אַלס סעקרעטאַר, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. קודם כל האָט זיך דער קלוב אַנגעשלאָסן אין לובלינער קרייז־פאַרבאַנד פון די פוטבאָל־שפּילער („לובעלסקי אָקרענגאָווי זוויאָנזעק פּילקי נאָזשנעי“), ווי אויך אין דער אָפּטיילונג פון שפּילן און דיסציפּלין („ווידזשאַל גיער אי דיסציפּליני“) און האָט אין 1933־טן יאָר באַזיגט אַלע ספּאָרט־קלובן אין קלאַס „צע“, ווי אויך דעם לעוואַרטאַווער „גוויאַזדאַ — שטערן“ אין יאָר 1934 איז שוין געלונגען אונדזער ספּאָרט־קלוב „וויעניאַוואַ“ צו באַזיגן אַלע אַלטע יידישע ספּאָרט־קלובן פון קלאַס „בע“ — „שטערן“, „מאָרגנשטערן“ פון בונד און „הפּועל“ פון די רעכטע „פּועלי־ציון“, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלן פון קלאַס „אַ“ אין קלאַס „בע“.

טשעכיוו האָט טריומפירט. אַפילו די פרומע יידן, וואָס האָבן פריער נישט דערלויבט זייערע קינדער, איבערהויפּט די מיידלעך, צו באַזוכן דעם קלוב, האָבן אָנגעהויבן באַזוכן די מעטשן פון „וויעניאַוואַ“.

אין 1935 האָבן מיר באַקומען פיר גוטע פּוילישע שפּילער און שפּילנדיק אין קלאַס „אַ“ אָפּגעהאַלטן אייניקע גלענצנ־דיקע נצחונות איבער אַזעלכע „אַסן“ ווי: וו. ק. ס. „אוניאַ“, אַ. ז. ס. (אַקאַדעמיצקי זוויאָנזעק ספּאָרטאָווי), וואָס איז באַ־שטאַנען ס׳רוב פון סטודענטן פון קאַטוילישן אוניווערסיטעט, „פּלאַגי לאַשקעוויטש“ פון דער עראָפּלאַן־פאַבריק.

אין 1936 האָבן מיר זיך קוים מיט ניסים דערהאַלטן אין קלאַס „אַ“, ווייל די פּוילישע ספּאָרט־קלובן האָבן ביי אונדז צוגענומען די פיר גוטע פּוילישע שפּילער.

חוץ מיט פוטבאָל האָט זיך אונדזער ספּאָרט־קלוב אויך פאַרנומען מיט פּינג־פּאָנג, באָקס. אָבער דער עיקר מיט אַ פאַרצווייגטער קולטורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט.



עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס: שלמה שטאָקפּיש (סעקרעטאַר), הערש אַלטמאַן, שמחה פעפער, אשר בעשלאַק, צדוק גורפינקעל. עס זיצן: ישראל גאָלדבערג (פּרעזעס) און יהיאל קאָסאָוואָי.

אַלע פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן מיר איינגעאָרדנט רעפע־ראַטן און אַלס פּרעלעגענטן זענען ביי אונדז אויפגעטרעטן: ד״ר מאַנדלבוים, ד״ר הערשענהאָרן, שלמה מיטעלמאַן, מאיר שילדקרויט, פּייזל קאַמיען, ניסנבוים, מיראַ גיווערץ (זי איז אויך געווען די טרענירערין פון די פרויען־מאַנשאַפטן פון נעץ־ און קוישבאָל), חיים טראַכטנבערג (ער האָט געלערנט אין פּאַריז און אַרויסגעטרעטן בעת די פעריען), גאָרפינקעל, שאָליט (געשטאָרבן אין 1937) און פיל אַנדערע.

מיטן אָננעמען אַ גאַנצע ריי מיטגלידער פון אַנדערע געגנטן האָט זיך פאַרשטאַרקט די קאָמוניסטישע השפּעה אין קלוב. איך האָב זיך באַמיט, אַז אין קלוב זאָלן נישט פאָרקומען וועלכע עס איז אומלעגאַלע טעטיקייטן — ווי טיילן ליטע־ראַטור, אויפהענגען פענדלעך און זיך באַהאַלטן אין קלוב, אָדער זאַמלען פאַר „מאָפּר“.

דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין פרילינג 1937, אויפן באַפעל פון טרויעריק־באַרימטן פּראָקוראָר באַריטשקאָ (פונעם באַקאַנטן פּראָצעס פון די 40), זענען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אומפּאַרטייאישע ספּאָרט־ און קולטור־קלובן ווי „וויעניאַוואַ“, „ביסטשיצאַ“ און אויך די וואָלער אָפּטיילונג פון „שטערן“. ס׳איז אויך פאַרמאַכט געוואָרן דער „טור“ (טאָוואַזשיסטוואָ אוניווערסיטעטו ראַבאָטניטשעגאָ), וועלכער האָט געהערט צו דער פּ. פּ. ס. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ).

ס׳רוב געוועזענע טוער פון די אויבן דערמאָנטע קלובן זענען שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף פּיליאַריקער תפיסה. דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיי באַפרייט.

פון די שפּילער פון „וויעניאַוואַ“ זענען פאַרבליבן: די ברידער גאָלדבערג, די ברידער בידערמאַן (אין ישראל), בצלאל שפּירמאַן (געשטאָרבן פאַראַיאָרן אין ישראל), צוקער־פיין יוסף און סעגאַל (אין קאַנאַדע).

# דער לובלינער „הפועל"

יצחק רייכענשטיין, גבעתיים

(אַ בינטל זכרונות)

מיט 45 יאָר צוריק, אין אַ געוויסן טאָג פון יאָר 1927, האָבן אין לאָקאַל פון דער „פועלי ציון" - פּאַרטיי (רעכטע), אויף פּאָטשאָנטקאָווסקי 22 (סטאַשיצע), זיך באַוויזן דריי בחורים „זאַמדער" (זיי האָבן געוווינט אויפן זאַמד). דאָס זענען געוועזן די ברידער שאול און יונה ראָטרובין און מלך פּרעצעלמאַן. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס פוטבאָל־שפּילער פון אַ דרוזשינע מיטן נאָמען „נשר", וועלכע איז געווען אַ „ווילדע" דרוזשינע און האָבן פאָרגעלייגט מען זאָל זיי לעגאַליזירן אַלס ספּאָרט־קלוב, כדי זיי זאָלן קענען אָפיציעל אויפטרעטן.

אַ גרופּע פּאַרטיי־חברים האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיונגען, כדי צו לעגאַליזירן אַ ספּאָרט־קלוב. ס'איז אָנגענומען געוואָרן, אַז דער ספּאָרט־קלוב זאָל הייסן יידישער אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „הפועל". דאָס איז געווען דער ערשטער „הפועל" אין פּוילן, אַ יאָר יינגער פונעם „הפועל" אין ארץ־ישראל.

די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געשטרעבט, אַז דער לובלינער „הפועל" זאָל האָבן דעם זעלבן פּראָגראַם וואָס דער ארץ־ישראלדיקער „הפועל" — דערציען די יידישע יוגנטלעכע צו פיזישער און גייסטיקער פאַרפולקאָמונג און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. און דאָס איז אין משך פון דער עקזיסטענץ פונעם קלוב דערגרייכט געוואָרן.

✶

אין אָנהויב האָט בלויז עקזיסטירט אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט. ווען די פוטבאָליסטן זענען צום ערשטן מאָל אַרויס פון לאָקאַל צום ספּאָרט־פּלאַץ, אויף שפּיטאַלנע גאַס, איז עס גראָד געווען אין דער צייט, ווען די פּאַרטיי האָט געפירט די וואַל־קאַמפּאַניע צום שטאָטראַט. די וואַל־אַרבעט האָט דעמאָלט געפירט דער פאָרשטייער פון וואַרשע, ח' טיגער. אויף זיין פאַרלאַנג זענען די פוטבאָליסטן אַרויס, טראָגנדיק אויף דער פּלייצע פון די קאָסטיומען דעם וואַל־סימן פון דער פּאַרטיי־רשימה.

מיט דער צייט האָט זיך דער ספּאָרט־קלוב פונאַנדערגעבויט. עס זענען צוגעצויגן געוואָרן חברים און פריינט, צווישן זיי — געזעלשאַפטלעכע טוער. עס זענען געגרינדעט געוואָרן פאַרשידענע סעקציעס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער שטאָטישער ספּאָרט־באַוועגונג בכלל און אין דער יידישער ספּאָרט-באַוועגונג בפרט.

חוץ דער פוטבאָל־מאַנשאַפט האָט גרויסע דערגרייכונגען




די מאַנשאַפטן „הפועל" לובלין און „הפועל" וואַרשע.

ייד. אַרב. ספּאָרט - קלוב

„הפועל"

לובלין, קרולעווסקאַ 3

## איינלאַדונג.

דערמיט האָבן מיר דעם כּבוד איינצולאַדן די

ג' ח' י. ארענהאלץ

אויף דער

**פייערונג לכבוד דעם איבערגיין פון אונזער פוטבאָל-דרוזשינע אין קל. „אַ"**

וואָס קומט פאָר שבת דעם 2-טן דעצעמבער 1933 יאָר, 8 אָווענט אין אייגענעם לאָקאַל קרולעווסקאַ 3, וו. 2

**ספּאָרט-ראַט.**

געהאַט די פּינג־פּאָנג סעקציע בראש מיט בעניעק ראָכמאַן. די דאָזיקע סעקציע האָט געוווּנען דעם בעכער, וואָס עס האָט געשאָנקען די פּינג־פּאָנג סעקציע פון וו. ק. ס. „אוניא". מען דאַרף אויך דערמאָנען די פרויען־סעקציע, וואָס האָט אַרומגענומען צענדליקער חברות — זיי האָבן סיסטעמאַטיש געאיבט אין „דאָם זשאָלניעזשאַ".

די פּאָפּולערסטע סעקציע איז אָבער געווען די פוטבאָל־מאַנשאַפט. די אינטערעסאַנטסטע תקופה איז ביי זיי געווען ווען „הפועל" האָט געקעמפט פאַר מייסטערשאַפט אין קלאַס „אַ". די פוטבאָל־מאַנשאַפט איז געווען די ערשטע אויפן לובלינער שטח, וואָס איז אַריין אין „אַ"־קלאַס, געהאַלטן זיך 2 יאָר און אַראָפּגעשטויסן א. ז. ס. אין אַ נידעריקערן קלאַס. ס'איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דעם מעטש מיט א. ז. ס. אויף זייער ספּאָרט־פּלאַץ אויף ליפּאָווע. נאָכן פאַרשפּילן דעם מעטש האָבן די אַנטיסעמיטישע אַקאַדעמיקער זיך געלאָזט ווילגיין איבער די יידישע שפּילער. זיי זענען דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן דורכן לובלינער פוטבאָל־פאַרבאַנד מיטן פאַרמאַכן זייער ספּאָרט־פּלאַץ אויף אַ געוויסער צייט.

ווען „הפועל" האָט געשפּילט אין אַנדערע שטעט איז געווען אַן אויפלעבונג צווישן דער אָרטיקער יידישער יוגנט. ווען „הפועל" האָט געשפּילט אין שעדלעץ מיטן דאָרטיקן „טור" וועגן אַריינגיין אין קלאַס „אַ", האָבן זיך אין אָוונט פאַרזאַמלט מאַסן אָנהענגער ביי דער רעדאַקציע פון „לובלינער טאָגבלאַט", כדי געוויר ווערן דעם רעזולטאַט (2 : 2).

עס דערמאָנט זיך אויך אַ טרויעריקער עפּיזאָד: נאָך אַ געוווּנענעם מעטש מיטן פּוילישן ספּאָרט־קלוב „לעוואַרט" אין לובאַרטאָוו, ווי נאָר די שפּילערס פון „הפועל" זענען



די ערשטע שפּילערס פון „הפּועל“, נאָך דער גרינדונג פון קלוב

אַריין אין אויטאָבוס בכדי אַהיימצופֿאָרן קיין לובלין — זענען זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער טעטיקייט איז געווען די פייערונג פון דער 10־יאָריקער עקזיסטענץ פון „הפּועל“. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע ספּאָרט־אימפּרעזעס — פון לייכט־אַטלעטיק, פּינג־פּאָנג א. אַנד. די הויפּט אַטראַקציע איז געווען דער וועט־לויף איבער די יידישע גאַסן און דער מעטש מיט „הכוח“ וועגן בעכער פון „הפּועל“. אין „לובלינער טאָגבלאַט“ איז דערשינען אַן אַרטיקל וועגן דער פייערונג. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל אויף זשמיגראָד אַ פייערלעכער באַנקעט. די פאַרוואַלטונג האָט איבערגעגעבן אַ זייגער פאַרן שפּילער אלי שטאָקמאַן און פאַר רייכנשטיין, דעם מיטגרינדער און לאַנגיאָריקן סעקרעטאַר פון „הפּועל“.

✶

צו דער עקזיסטירנדיקער ראָווערן־סעקציע ביים „הפּועל“ זענען געקומען צו גאַסט מאָטאָציקליסטן פון „הפּועל“ פון ארץ־ישראל. נאָך צוויי טעג ווײַלן אין לובלין זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע דורך דער קראָקאָווער פאָרשטאָט און זענען באַגלייט געוואָרן ביז סלאָווינעק דורך די ראָווערויסטן פון לובלינער „הפּועל“, אין בלוי־רויטע בלוזעס.

✶

אין דער תקופה פון שאַרפן אַנטיסעמיטיזם אין פוילן, וואָס האָט אויך נישט אויסגעמיטן די לובלינער ספּאָרט־פּלעצער איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון „הפּועל“ געשאַפן געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע פון אַלע יידישע ספּאָרט־קלובן אין לובלין. צוליב דעם אַנטאַגאָניזם וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהערשט צווישן די יידישע קלובן האָט די פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע קיין אריכת ימים נישט געהאַט.

✶

יעדעס יאָר פלעגט דער פוילישער פוטבאָל־פאַרבאַנד אין וואַרשע (פּ. ז. פּ. נ.) צוטיילן אויסצייכענונגען שפּילער און ספּאָרט־טוער. אַזאַ אויסצייכענונג (אָדזנאַקאַ זאַסלוזשאָניך) האָט צווישן די לובלינער באַקומען דער סעקרעטאַר פון „הפּועל“, דער שרייבער פון די שורות.

נישט בלויז אויפן געביט פון ספּאָרט איז געפירט געוואָרן אַ רייכע טעטיקייט. אויך אויפן קולטור־געביט איז „הפּועל“ נישט געווען הינטערשטעליק. עס זענען געווען זייער פּאָפּולער די פרייטיק צונאַכטס־אָוונטן מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן פּראָגראַם — פּרעסע־איבערזיכטן, ספּאָרט־נייעס, מוזיק. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די לעבעדיקע פּורים־צייטונגען מיט אַקטועלער סאַטירע.

געוועזן טרייע, איבערגעגעבענע חברים, הן צווישן די ספּאָרטלער, הן צווישן די טוער פון „הפּועל“. בלויז איינעם וויל איך דאָ דערמאָנען — דעם פאַרוואַלטונגס־מיטגליד איטשע קערשענבלאַט. אויף די מעטשן פון „הפּועל“ פלעגט ער אַליין זיין ביים אַריינגאַנגס־טויער אַלס אָרדנער און פלעגט קיינעם נישט אַריינלאָזן אָן בילעטן, אַפילו נישט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער...

ס׳איז געקומען סוף אויגוסט 1939. מען האָט שוין געפילט אין דער לופט די שוואַרצע כמאַרעס פון אָנקומענדיקן היטלעריזם. חברים פון „הפּועל“ האָבן זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג ביים צוגרייטן אָקאָפּעס נעבן זאַקסישן גאָרטן. מען האָט מאַרשירט צו דער אַרבעט בראש מיט מאיר לעווין (אַ טויערמאַן) און צום לעצטן מאָל האָט מען געהערט דאָס געזאַנג „היי, קדימה הפּועל“...

דער לאָקאַל פון „הפּועל“ האָט זיך דאַן געפונען אויף לובאַרטאָווסקע 22. געפירט דעם לאָקאַל האָט שלמה אייבושיץ. ווען די חברים פון דעם הכשרה־פּונקט פון „השומר הצעיר“ אויף דער קראָוויעצקי גאַס זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, האָט מען זייערע אייזערנע בעטלעך אַריינגעשטעלט אין לאָקאַל פון „הפּועל“. יוגנטלעכע, וואָס האָבן דורכגעוואַנדערט לובלין, האָבן זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט איבערשלאָפן אַ נאַכט.

אין גאַס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט דייטשע סאָלדאַטן, אָבער גרופּעס חברים האָבן נאָך אַריינגעכאַפּט שפּילן פּינג־פּאָנג, אָדער דאָמינאָ. איך בין אַוועק צו מיינע עלטערן און שוועסטער קיין איזביצע און פון דאָרט קיין לוצק (ראַטנפאַרבאַנד). פון לוצק האָט מען מיך אַריבערגעפעקלט קיין... סיביר. אין סיביר האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון „הפּועל“, געשריבן דורך שמשון ניסענבוים, וועלכער האָט זיך געוואַנדערט פאַרוואָס מען האָט מיך פאַרשיקט. ער האָט געשריבן, אַז די בילדער און די פענער זענען דורך די חברים פאַרברענט געוואָרן. מען איז זיך צו ביסלעך צעלאָפן — ווער אויפן וועג זיך צו ראַטעווען און ווער אויפן וועג צום אומקום... און געטיילט דעם גורל פון אַלע לובלינער יידן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די רומפולע טעטיקייט פון לובלינער „הפּועל“. געבליבן זענען בלויז זכרונות. און היינט, ווען מיר זענען מזכיר די קדושי לובלין, לאָמיר דאָס קליינע הייפעלע לעבנגעבליבענע הפּועלאָווצעס, דערמאָנען מיט יראת הכבוד אונדזערע אומגעקומענע טייערע חברים.

כבוד זייער אָנדענק !

באַמערקונג :

ביים שרייבן די זכרונות האָט זיך אויך באַטייליקט איתמר שוואַרץ, וועלכער איז אין דער גרינדונגס־צייט געווען פאָרזיצער פון קלוב.

אין אַפּריל 1973 דערשיינט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון „לובלינער שטימע“ לכבוד אונדזער וועלט-צוזאַמענטרעף.

**די לאַנדסלייט ווערן געבעטן צושיקן זכרונות, בילדער און דאָקומענטן פאַר דער צייטונג ביזן 1.2.73 — צו :**

**David Shtokfish**

**14, Hacanchanim, Ramat-Gan 52 341, Israel.**

# געבענטשטע צוזאַמענאַרבעט

## צווישן די „קינדער פון לובלין"<br>און „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט"

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך פאַרשטאַרקט די צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי לובלינער לאַנסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך. וועגן דעם איז פיל דערציילט געוואָרן אין די פּאַריזער טאָג־צייטונגען „אונדזער וואָרט" און „נייע פרעסע" — אַ דאַנק די קאָרעספּאָנדענצן פון משה זאַלצמאַן, טעשקע פאַרשטעטער־קאַרמאַן, ל. דאַנערשטיין און י. גאָלדרינג. מיר ברענגען ווייטער איניקע אויסצוגן פון דער פרעסע און בריוו פון אונדזערע לאַנדסלייט:

### אַ שריט וואָס דאַרף באַגריסט ווערן

זינט אַ געוויסע צייט האָבן די צוויי פאַרשידענע לובלינער סאָסיעטעס זיך שטאַרק דערנענטערט. נישט געקוקט אויף די מיינונגס־פאַרשידנהייטן וואָס עקזיסטירן אָן ספק ווייטער, האָבן די לאַנדסלייט דאָך געפונען צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך און אָנגעהויבן צוזאַמענאַרבעטן.

פאַרגאַנגענעם יאָר האָבןביידע סאָסיעטעס אויף אַן איינהייטלעכן אופן אָרגאַניזירט די יזכור־פייערונג נאָך די אויסגעמאָרדעטע לובלינער יידן. די דאָזיקע איינהייט־מאַניפעסטאַציע האָט אויף די מיטגלידער פון ביידע לובלינער אָרגאַניזאַציעס איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק און זיכערקייט, אַז ביי אַ ריי געלעגנהייטן איז מעגלעך דורכצופירן בשותפותדיקע אונטערנעמונגען.

אַ ביסל שפּעטער האָט די סאָסיעטע „קינדער פון לובלין" איינגעלאַדן אַ ריי אָנפירנדיקע טוער פון דער צווייטער סאָסיעטע אויף איר יערלעכן באַנקעט. די אַטמאָספער איז געווען זייער אַ גוטע, אַ משפחהדיקע און דאָס האָט ביי אַלעמען פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז סוף כל סוף זענען די מיטגלידער פון ביידע סאָסיעטעס קינדער פון לובלין...

דאָס האָט אויך דערמעגלעכט, אַז ביידע קאָמיטעטן זאָלן צוזאַמען, אויף אַ פייערלעכן אופן, אויפנעמען דעם פרעזידענט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, דעם מפּ"ם־טוער און זשורנאַליסט דוד שטאָקפיש.

די יידישע געזעלשאַפט אין פּאַריז האָט די אַלע דערשיינונגען און איינהייטס־אַקציעס פון די לובלינער אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט. עס איז אָבער באַזונדערס ווערט צו באַגריסן דעם באַשלוס פון ביידע סאָסיעטעס, דורכצופירן צוזאַמען אַ פייערלעכע טרויער־אונטערנעמונג געווידמעט דעם פאַרשטאָרבענעם לובלינער יידישן דיכטער יעקב גלאַטשטיין.

לאָמיר אַלע צוזאַמען אונטערשטיצן די איינהייטס־שריט פון די ביידע לובלינער סאָסיעטעס, ווי דאָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַלבערט זאָבערמאַן, פרעזידענט פון די „פאַראייניקטע לובלינער", באַגריסנדיק דעם יערלעכן באַנקעט פון די „קינדער פון לובלין":

„מיט אַ באַזונדערער פרייד און פאַרגעניגן באַגריס איך אייך אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער" און אין מיין פערזענלעכן נאָמען, מיט דעם הייסן ווונטש אַז דער היינטיקער באַנקעט זאָל זיין דער לעצטער וואָס ווערט געפּראַוועט אין באַזונדערע געצעלטן. איך גלויב, אַז דערמיט דריק איך אויס דעם הייסן ווונטש פון אַלע מיטגלידער פון ביידע געזעלשאַפטן, אַז להבא זאָלן מיר אונדזערע יערלעכע חנוכה־באַנקעטן פייערן אַלס אָרגאַניש געאייניקטע געזעלשאַפט, אונטער איין דאַך. אַלע סימנים זאָגן, אַז די צייט פון אייניקייט דערנענטערט זיך! אונדזער קעגנזייטיקער אָנשטרענג אין דער ריכטונג איז אַ געבאָט פון דער שטורמישער צייט אין וועלכער עס לעבט אונדזער פאָלק אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט".

### 29סטע יאָרצייט נאָך דער אומגעבראַכטער לובלינער קהילה

נאָך אַן איבעררייס פון העכער 15 יאָר, האָבן מיר הײַ־יאָר זוכה געווען צו האָבן אַן איינהייטלעכן יזכור־אָוונט פון ביידע לובלינער געזעלשאַפטן: פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט און „קינדער פון לובלין".

דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער", אַלטער זאָבערמאַן, עפענענדיק די יזכור־פייערונג שטרייכט אונטער, אַז די גרויסע צאָל, וואָס זענען הײַ־יאָר געקומען, באַווייזט די טיפע שטרעבונג וואָס עס הערשט ביי דער מיטגלידערשאַפט פון ביידע געזעלשאַפטן צו איינהייט.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער די פרעזידענטין פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין", שרהלע גאָלדאַדלער. אויך זי שטרייכט אונטער די נויטווענדיקייט פון איינהייט.

נאָכן אָנצינדן די סימבאָלישע זעקס ליכט פון געוועזענע דעפּאָרטירטע גיט אַן אינהאַלטסרייכן רעפעראַט פריינד ש. שאַפּירא. ער דערמאָנט די היסטאָרישע ראָל וואָס די לובלינער יידן האָבן געשפּילט ביים שאַפן די ראַם פון אָרגאַניזירטן מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, דעם ועד ארבע הארצות, וואָס האָט מיטגעהאָלפן שמידן צענטראַלע יידישע אינסטאַנצן.

טראָץ אַלע גזירות, פּאָגראָמען, מלחמות, מגיפות האָט דאָס יידישע לעבן אין לובלין ביז צו דעם פינצטערן היטלעריזם געפירט אַ לעבעדיקע אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן: מסחר און האַנטווערקעריי. אַלע פּאָליטישע ריכטונגען זענען געווען טעטיק — פון אגודת ישראל ביז צו די קאָמוניסטן, אַ מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, אַ גרויסע יידישע אינטעליגענץ מיט טאָג־צייטונגען, שולן, גימנאַזיעס, ספּאָרט־קלובן.

אָט דאָס אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן נאָך שרעקלעכע ליידן אין געטאָ, ביז צום מאַרטירער־וועג צו די טויט־לאַגערן.

דער חשובער גאַסט פון ישראל, דוד שטאָקפיש, דריקט אויס זיין צופרידנקייט בייצוזיין דעם היינטיקן געמיינזאַמען יזכור. ער רעדט וועגן די פאַרבינדונגען און קעגנזייטיקן אויסטויש צווישן די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אויסלאַנד. ער שטעלט זיך אָפּ וועגן דער לאַגע אין ישראל נאָך דעם 6־טאָגיקן קריג און זאָגט, אַז ער וועט זיין צופרידן איבערצוגעבן אַ גרוס דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

די וואָרט־קינסטלערין פרעדעריקא קאָך האָט מיט אַ סך געפיל אינטערפּרעטירט עטלעכע צוגעקליבענע רעציטאַציעס. דער חזן טאָלעדאַנאָ האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט דעם „קדיש".

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז די טרויער־אַקאַדעמיע זאָל זיין אַן אָנהויב פון איינהייט פון דער גאַנצער לובלינער משפחה אין פּאַריז.

### די יערלעכע וואַל-פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט"

פאַרהעלטנישמעסיק צאָלרייך זענען הײַ־יאָר די מיטגלידער געקומען אויף דער יערלעכער וואַל־פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט".

נאָך אַ קורצער באַגריסונג פון פאָרזיצער

אלתר זאַבערמאַן, ווערט אָפּגעגעבן גרויס כבוד מיט אַ מינוט שטילשווייגן די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער פון פאַרגאַנגענעם יאָר: קירשנבלאַט, די פרוי שערמאַן און דעם גרויסן דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז געווען ערן־מיטגליד פון אונדזער געזעלשאַפט.

משה זאַלצמאַן גיט איבער דעם מאָראַלישן באַריכט. ער באַגריסט אַ ריי מיטגלידער וואָס האָבן היי־יאָר דערלעבט נחת פון זייערע קינדער ווי אויך די משפחה גיווערץ צו זייער זילבערנער חתונה און דעם פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע, משהלע ראָזענבלום, צו זיין 65סטן געבוירנטאָג.

מיר קענען אָבער פאַרצייכענען דערפאָלגן. דאָס איז די איינהייט מיט דער צווייטער לובלינער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין״.

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געמיינזאַמער געדרוקטער אויפרוף; עס איז פאָרגעקומען דער יערלעכער יזכור און אַ גרויסער קולטור־אָוונט צום אָנדענק פון יעקב גלאַטשטיין.

ס׳איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ בשותפותדיקע זיצונג פון ביידע קאָמיטעטן צום געזעגענען דעם פאָרזיצער פון „ארגון יוצאי לובלין״ אין ישראל, דוד שטאָקפיש, נאָך זיין באַזוך אין פאַריז.

איצט גרייטן מיר צוזאַמען דעם אויספלוג, דעם 18טן יוני, אין ווערבערי.

אין סך־הכל האָבן מיר היי־יאָר געהאַט 5 אונטערנעמונגען און 4 פאַרזאַמלונגען.

די גרעסטע אָנשטרענגונג האָבן מיר היי־יאָר, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, געמאַכט אין דער זאַמלונג לטובת ישראל. עס איז דערגרייכט געוואָרן קנאַפּע זיבן מיליאָן אַלטע פראַנק.

נאָכן איבערגעבן דעם קאַסע־באַריכט פון קאַסירער שמואל שאַפּירא און פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פר׳ פערלמוטער, איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן די באַריכטן.

עס האָבן אָנטייל גענומען: אליהו קיסקי, גיטעלע עדעלשטיין, יהודה ראָזענצווייג און מענדל לעווענבוים, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון זיין לעצטן באַזוך אין ישראל און וועגן דער אַקציע פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל אויפצושטעלן דעם גרויסן דענקמאָל אויף דעם צונויפגענומענעם אַש פון אונדזערע קדושים פון מיידאַנעק, וואָס וועט געבראַכט ווערן צו קבר ישראל.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, פריינד מרדכי לערמאַן, האָט געהאַלטן אַ קורצן אינהאַלטסרייכן רעפעראַט וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעדריקט צוטרוי דעם פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט אלתר זאַבערמאַן און אויסגעוויילט אַ נייעם קאָמיטעט (לויט א״ב):

זשאַק גאָלדבוים, ישראל גאָלדבוים, ישראל גאָלדשמידט, אלתר זאַבערמאַן, משה זאַלצמאַן, יוסף טאַובער, חוה לאַבערבלאַט, מענדל לעווענבוים, אברהם עסטרייך, נחום פערלמוטער, משה ראָזענבליט, שמואל שאַפּירא.

## אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די „קינדער פון לובלין״ אונטערן צייכן פון איינהייט

זונטיק, דעם 3טן אָקטאָבער, האָבן זיך פאַרזאַמלט צאָלרייך די מיטגלידער פון אונדזער סאָסעיטע אין קאַפע „דע ל׳אַריוועי״.

ביי די שיין־געדעקטע טישן, איז, פאָרן אָנהייב פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָנגעגאַנגען אַ פריינדלעכער שמועס צווישן לאַנדסלייט.

די פרעזידענטין שרהלע גאָלדאַדלער באַגריסט האַרציק די אָנוועזנדיקע. זי ווינטשט אַלעמען אַ גוט יאָר, נחת פון די קינדער און געזונט, ווי אויך שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע פעלקער, וואָס איז דער הייסטער באַגער פון אונדז אַלעמען.

נאָכן איינלאַדן דעם קאָמיטעט אין פּרעזידיום, גיט זי איבער דאָס וואָרט דעם סעקרעטאַר י. גאָלדרינג. דער רעדנער זאָגט צווו. אַנדערע:

איבער 3 חדשים זענען פאַרביי פון דער בשותפותדיקער נעקראָלאָג פון דריי אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן, דערשינען אין די פּאַריזער יידישע טאָגצייטונגען „אונדזער וואָרט״ און „נייע פּרעסע״.

לעצטער פאַרזאַמלונג. דער קאָמיטעט האָט אין דאָזיקן צייט־אָפּשניט דורכגעפירט, ווי יעדעס יאָר, די אָנדענק־פייערונג פון 16טן יולי, ביים מאָנומענט פון די „קינדער פון לובלין״ אויף באַניע.

אויסער דעם האָט אונדזער קאָמיטעט שוין געמאַכט די ערשטע צוגרייטונגען צו דעם יזכור־אָוונט.

נאָך אַ פּאָר יאָר אונטערהאַנדלונגען איז היי־יאָר געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן ביידע סאָסעיטעס און דער יזכור־אָוונט וועט איינהייטלעך געפייערט ווערן דורך אַלע לובלינער.

וואָס שייך דעם יערלעכן באַנקעט, האָבן מיר שוין באַשטעלט דעם זאַל „פּיקאַדילי״ און פונקט ווי פאַראַיאָרן, וועלן מיר אין אַ פריינדלעכער פאַמיליע־אַטמאָספער פאַרברענגען מיט אונדזערע מיטגלידער און זייערע משפחות.

נאָכן איבערגעבן דעם רייכן בילאַנס פון טעטיקייט פאַר דעם אָפּגעלאָפענעם וואַקאַנס־פעריאָד און נאָכן אָנצייכענען אין עטלעכע שטריכן דעם פּלאַן פון ווייטערדיקער אַרבעט, שטעלט זיך פריינד גאָלדרינג אָפּ, גאָר באַזונדערס אויף דער נויטווענדיקייט פון פירן אַ קולטור־אַרבעט אין אונדזער סאָסעיטע.

פאָרן עפענען די דיסקוסיע נעמט אַ וואָרט דער קאַסירער, פריינד האַניגבוים, און מאַכט אַ רוף, אַז די מיטגלידער זאָלן זיך, ווי יעדעס יאָר, ביים אָנהייב פון געזעלשאַפטלעכן סעזאָן באַשטייערן פאַר דער געזעלשאַפט. ער ווייזט אָן, אַז די געזעלשאַפט ציילט 100 צאָלנדיקע מיטגלידער, איר פילפאַרביקע טעטיקייט לטובת די לאַנדסלייט, וועגן וועלכן עס האָט שוין באַריכטעט אונדזער סעקרעטאַר, פאָדערט די נויטיקע פינאַנסיעלע מיטלען.

עס אַנטוויקלט זיך דאַן אַ זייער לעבהאַפטע דיסקוסיע, אין וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען די פריינד: דיאַמאַנס, שיימאַן, טעשקע, האַניגבוים, אַנעט, האַס, ש. גאָלדאַדלער, פרוי מילער, דאַנערשטיין, גאָדאַנקען, שניידערמאַן, פרוי ווייספיש, מאַרט האַניגבוים און גאָלדנער.

אין גאַנג פון דער דיסקוסיע איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם פּאַראַדאָקס, וואָס אינעם „קאַוואַ״ (בית־הקברות) זענען ביידע סאָסעיטעס פאַראייניקט. טאָ פאַרוואָס — האָט איינער פון די דיסקוטאַנטן אויסגערופן — זאָלן מיר זיין פאַראייניקט בלויז נאָכן טויט? צי איז דען נישט בעסער צו פאַראייניקן זיך אויך ביים לעבן?

די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אין אַ פריינדלעכער, חברישער אַטמאָספער און דער פּלאַן פון ווייטערדיקער אַרבעט איז דורך דער פאַרזאַמלונג געוואָרן באַשטעטיקט.

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר ביים פרישן קבר פון אונזער בן־עיר, דעם גרויסן דיכטער, פּראָזאַאיקער, עסייאיסט, ליטעראַטור־קריטיקער, פּובליציסט און ערן־פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פּאַראייניקטע לובלינער אין פּאַריז

# יעקב גלאַטשטיין ע״ה

לובלינער יידן פון ישראל און פראַנקרייך באַטייליקן זיך אין טרויער פון דער משפחה און פון דער פאַריתומטער יידישער ליטעראַטור

אירגון יוצאי לובלין בישראל

געזעלשאַפט פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט

געזעלשאַפט קינדער פון לובלין

## טרויער-אַקאַדעמיע
## פון די צוויי לובלינער סאָסעיטעס
## צום אָנדענק פון דיכטער
## יעקב גלאַטשטיין

אויף דער לוויה פון אונדזער חשובן לאַנדסמאַן, יעקב גלאַטשטיין, זענען מיר נישט געווען. מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אים צו באַגלייטן אין זיין לעצטן וועג.

געשטאָרבן איז ער פּלוצלונג, אַ פרייטיק אין דער פרי, זיצנדיק ביים שרייב־טיש, אין דעם ווייטן ניו־יאָרק. אָבער מיט אונדזערע אַלע געדאַנקען און געפילן האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אינעם טרויער פון זיין פאַמיליע, פון דער פאַריתומטער יידישער שרייבער־משפחה און פון אַלע זיינע פריינד און לאַנדסלייט.

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער איינהייטלעכער טרויער־אַקאַדעמיע, וואָס ביידע לובלינער סאָסעיטעס האָבן אָרגאַניזירט, זונטיק, דעם 16טן יאַנואַר נאָכמיטאָג.
אין גרויסן זאַל פון דער „פעדעראַציע” האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון ביידע סאָסעיטעס ; פאָרשטייער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן : קראַשניק, פולאַווי, וואַרשע, בריסק, אָסטראָווצע־קורטשעוו־פאַלעניץ, אָנפירנדיקע טוער פון „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן” און סתם ליבהאָבער פונעם קינסטלערישן יידישן וואָרט.

די פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין”, שרהלע גאָלדאַדלער, האָט ביים עפענען די טרויער־פאַרזאַמלונג דערמאָנט די גאָלדענע קייט פון שעפערישע כוחות, וואָס אונדזער היים־שטאָט האָט אַרויסגעגעבן און צווישן זיי האָט באַזונדערט די לעצטע יאָרן אַרויסגעשיינט דער גרויסער גייסט פון יעקב גלאַטשטיין.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער אלתר זאָבערמאַן. אין זיין קורצן אַריינפיר־וואָרט גיט ער איבער עטלעכע ביאָגראַפישע פרטים וועגן יעקב גלאַטשטיין, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 20סטן אויגוסט 1896 אין לובלין, אין אַ משפחה פון לומדים מיט אַ גרויסן יחוס.

גאָר יונג הויבט יעקב גלאַטשטיין אָן צו שרייבן און פאָרט קיין וואַרשע באַזוכן פּרצן. אין 1914 פאָרט ער קיין אַמעריקע, וווּ ער פאַרענדיקט די שטודיומס אַלס יוריסט. אָבער ער פּראַקטיצירט זייער ווייניק. זיין שעפערישער גייסט שטויסט אים ווייטער צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט 23 ביכער, אַ חוץ הונדערטער פובליציסטישע אַרטיקלען אין דער טאָג־פּרעסע און אין פּעריאָדישע אויסגאַבן.

פּראָפעסאָר גראָל האָט אין אַ שיינעם זאַפטיקן יידיש געמאַכט אַ טיפע אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון דער ליטעראַרישער שאַפונג פון יעקב גלאַטשטיין. ער פירט אַדורך אַ פּאַראַלעל צו דער רענעסאַנס־עפּאָכע וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ריזן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

דער פּאָעט משה וואַלדמאַן לייענט איבער אַן עסיי וועגן גלאַטשטיינען פון 1921, אין דער ליטעראַרישער שיטה „אינזיך” — ביז צום היינטיקן טאָג.

די איינדרוקפולע טרויער־אַקאַדעמיע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן לייענען דורכן פריינד גאָלדרינג לידער פון יעקב גלאַטשטיין.

מען קען דרייסט זאָגן, אַז דאָס איז געווען נישט בלויז אַ טרויער־אַקאַדעמיע, נאָר אויך אַ ליטעראַריש־יידישע קולטור־אונטערנעמונג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ און וואָס האָט איבערגעלאָזט אויף די פאַרזאַמלטע אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

## דער פרילינג יום-טוב
## ביי די לובלינער

נאָך אַ לענגערן איבערייס איז דאָס יאָר געלונגען אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון ביידע לובלינער געזעלשאַפטן „קינדער פון לובלין” און „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט” דורכצופירן אַ זייער געלונגענעם אויספלוג אין דעם פּרעכטיקן פּאַרק פון ווערבערי.

אָנקומענדיק קיין ווערבערי, איז די שטימונג באַלד געווען אַ גוטע, זעענדיק דעם שיינעם פּאַרק און אויך דעם פיין־צוגעגרייטן פרישטיק.

ווען די פּרעזידענטן דע פּעט פון ביידע געזעלשאַפטן משה ראָזענבלום און אַנרי שטרוזמאַן לאַדן איין צום מיטאָג, האַלט די פּרעזידענטין שרהלע גאָלדאַדלער פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין” אַ טאָסט. זי באַגריסט די מיטגלידער און דערמאָנט, אַז אַזאַ צוזאַמענטרעף איז דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע יאָרן זיין אָפּגעריסן איין סאָסעיטע פון דער צווייטער.

דער פּרעזידענט אלתר זאָבערמאַן פון די „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט” דערמאָנט אין זיין באַגריסונג דאָס הויז פון ווערבערי, וווּ עס זענען ביי דער אַנטשטייונג פון ישראל צוגעגרייט געוואָרן פיל יוגנטלעכע צו פאָרן קיין ישראל.

דער ערן־פּרעזידענט גאָלדבוים מאַכט אַ רוף, אַז עס זאָל ווי אַמשנעלסטן קומען צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע לובלינער.

פריינד שאַפּיראָ דערמאָנט, אַז יעדעס יאָר אויף דעם אויספלוג ווערט דורכגעפירט אַ זאַמלונג פאַר ישראל. אויף זיין רוף ווערט געזאַמלט אַ גרעסערע סומע.

ביים עסן האָבן מיר געהאַט פאַרגעניגן פון אונדזערע זינגער און זינגערינס. צום ערשטן לייענט די סעקרעטאַרין טעשקע „אַ גלעזעלע לחיים”, וועלכעס ווערט געזונגען פון לעאָן דאַווידזאָן און אויך לידער געזונגען פון פרוי סנאָווקאַ. דער עולם זינגט מיט.

עס ווערט אויסגעדריקט אַ יישר כוח אַלע די וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון דעם אַזוי געלונגענעם אויספלוג.

## אַ ביסל געשיכטע

(אויסצוגן פון דער רעדע פון זשאַק גאָלדבוים, ביים דערעפענען די יובל־פייערונג לכבוד 40 יאָר עקזיסטענץ פון דער לובלינער סאָסעיטע אין פּאַריז)

חשובע געסט, חשובע לאַנדסלייט !

איך האָב דעם כבוד צו עפענען דעם היינטיקן יום־טוב פון פייערן די 40־יאָריקע עקזיסטענץ פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט”.
ביי אונדזער היינטיקער פייערונג איז נייטיק צו דערמאָנען די שוועריקייטן וועלכע מיר, עטלעכע לובלינער, האָבן געהאַט ביים שאַפן די סאָסעיטע. דאָס זענען געווען חיים דאַווידזאָן, שיע בלומענשטאָק, שיע העלפמאַן און זשאַק גאָלדבוים. זיי האָבן אויסגעזוכט די אַדרעסן פון לובלינער. אין יענער צייט האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין יידישע טאָג־צייטונג אין פּאַריז ווי היינט, אַז מען וויל רופן אַ זיצונג אָדער פאַרזאַמלונג — גיט מען אַ מעלדונג אין דער צייטונג. מיט 40 יאָר צוריק זענען מיר נאָך אַליין געווען „גרינע” — בסך־הכל דריי, פיר יאָר אין לאַנד. אָבער מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריקייטן.

מיר האָבן זיך צעטיילט מיט די באַקומענע אַדרעסן און אין די זונטיקן פלעגן מיר לויפן אויף די טרעפּ צו די לובלינער און זיי איינלאַדן אויף באַראַטונגען. אַ טייל איז געקומען. זענען מיר ווידער געלאָפן און נאָכאַמאָל גערופן. אַ געווויסן זונטיק, אין יוני 1929, נאָך גרויסע שוועריקייטן, איז אונדז געלונגען צונויפצורופן 30 לובלינער אין אַ קאַפע־הויז אויפן פּלאַץ דע לאַ באַסטיל — און דאַן איז געגרינדעט געוואָרן די לובלינער אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז.

אונדזער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייט — אָרגאַניזירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען, דורכגעפירט אונדזער ערשטן באַל אין די שיינע סאַלאָנען פון וואַשינגטאָן־פּאַלאַץ. עס זענען געקומען פיל לובלינער פון פּאַריז און פון דער אומגעגנט און מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג — מאָראַליש און מאַטעריעל. עס זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער.

מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אונדזער היימשטאָט און געשטיצט דעם יידישן שפּיטאָל אין לובלין. מיר האָבן אויך געהאַט צוזאַמענטרעפן מיט דעם לובלינער פּאַטראָנאַט אין פּאַריז און צוזאַמען דורכגע־

פירט אונטערנעמונגען. מיר האָבן אויך אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען אויף דער יידישער גאַס אין פּאַריז און אַזוי אַרום זיך דערוואָרבן אַ שיינעם נאָמען.

איך וויל דאָ דערמאָנען עטלעכע חברים, וועלכע געפינען זיך אין זאַל און האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד — זיי האָבן פון דער ערשטער גרינדונג־פאַרזאַמלונג מיטגעאַרבעט מיטן קאָמיטעט: זאַנדמאַן, קאַפּ, פּערלשטיין, פּעפּער, בראַפמאַן, ערליכשטיין, בורשטין און ראַבטשיק.

זומער 1939 האָבן מיר געפייערט די 10־יאָריקע עקזיסטענץ פון דער סאָסעיטע אין זייער אַ שיינעם זאַל, וועלכער איז געווען אויסגעפילט ביז איבער די ברעגן פון לובלינער.ליידער, מיט צוויי חדשים שפּעטער, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

פון איין זייט איז ביי מיר היינט אַ גרויסער יום־טוב און פרייד, ווייל מיר פייערן היינט די 40־יאָריקע עקזיסטענץ פון אונדזער סאָסעיטע. פון דער צווייטער זייט איז ביי מיר אַ טרויער, ווייל בעת דער מלחמה האָט מען דעפּאָרטירט 85 פּראָצענט פון אונדזערע מיטגלידער, ווי אויך מיטגרינדער פון דער סאָסעיטע, ווי די חברים: שיע בלאָומענשטאָק — געוו. קאַסיר, שיע העלפמאַן — קאָמיטעטמיטגליד, חיים דאַווידזאָן — געוו. פּרעזידענט, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן. איך וויל אויך דערמאָנען די 43 טויזנט יידן פון לובלין, וועלכע די היטלערבאַרבאַרן האָבן אומגעבראַכט אין די גאַזקאַמערן פון מיידאַנעק. לאָמיר באַערן זייער אָנדענק מיט אַ מינוט שטילשווייגן.

## אַ מסיבה פאַרן דיכטער און איבערזעצער מ. ליטווין ביי דער משפּחה עדעלשטיין

נאָך דער פייערלעכער מסיבה לכבוד מ. ליטווין קאָן מען מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די וואַרעמע געפילן מיט וועלכע

מיר האָבן יענעם זונטיק־אָוונט פאַרלאָזן די סימפּאַטיש־יידישע היים פון גיטעלע און יידל עדעלשטיין, וואָס האָבן איינגעאָרדנט די דאָזיקע קולטורעלע אויפנאַמע — האָבן זיך פאַר דער צייט נישט אָפּגעקילט.

ס'איז געווען אַ זעלטענע געלעגנהייט אָנטיילצונעמען אין דער אינטים־האַרציקער באַגעגעניש מיטן טאַלאַנטפולן יידישן דיכטער, איבערזעצער און עסייאיסט; מיט ליטווינען דעם מענטש פון טיפן וויסן און גרינטלעכער בילדונג.

נישט געווען קיין לאַנגע רעדעס בעת דער דאָזיקער מסיבה, נישט קיין פאַלשע טענער; סיי די אויסערלעכע פאָרם (מיר מיינען דערין אויך דעם רייכן און געשמאַקן כיבוד), ווי דער ליטעראַרישער אינהאַלט, האָבן אידעאַל אַנטשפּראָכן דעם ציל.

מיט טאַקט, חן און רעטאָרישער גלאַטקייט, האָט די גאַסט־געבערין געעפנט די מסיבה. מיט עלעגאַנץ און לעבעדיק האָט אָנגעפירט מיט דער מסיבה מענדל מאַן.

די קולטור־וויכטיקייט פון מ. ליטווינס אויפטו — זיין זאַמלונג איבערזעצונגען (נישט אַנטאָלאָגיע!) „פראַנצויזישע פּאָעזיע", איז געקומען צום אויסדרוק אין די זייער טרעפלעכע אימפּראָוויזירטע באַגריסונגען פון מענדל מאַן, ל. לענעמאַן, צדוק פּעפּער, דוד שטאָקפיש (פון ישראל, וואָס האָט דערמאָנט, אַז מ. ליטווין איז געווען, צוזאַמען מיט מ. לערמאַן, דער רעדאַקטאָר פונעם לובלינער יזכור־בוך, וואָס איז מיט 20 יאָר צוריק דערשינען אין פּאַריז) און שלמה פרידריך. אויך די צוויי לידער פון ליטווינס פראַנצויזישע איבערזעצונגען, וועלכע עס האָט געלייענט די אומדערמידלעכע גיטעלע, זענען געווען אין זעלבן גוטן טאָן.

עס קומט דערנאָך ליטווינס גערעדטער עסיי וועלכער איז פונקט ווי זיין געשריבענער — אַ גייסטרייכער, שפּאָרזאַם אין ווערטער און רייך אין געדאַנקען.

ליטווין שרייבט שפּעטער אונטער זיינע ביכער, דער צאָלרייך פאַרזאַמלטער עולם פירט דערווייל האַרציקע שמועסן. עס איז די אַטמאָספער פון אַ גוטן ליטעראַרישן סאַלאָן, כאָטש דער באַגריף קלינגט אַ ביסל צו פרעמד פאַר דער דאָזיקער שטוב.

ז. גאַסטינסקי

## ליטעראַרישע אויפנאַמע ביי דער משפּחה מישעל קאַץ

אין דעם הויז פון דער משפּחה מישעל קאַץ איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישע אויפנאַמע פאַר מענדל מאַן, רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער טאָג־צייטונג אין פּאַריז — „אונדזער וואָרט". ווי באַקאַנט, זענען דערשינען אין פאַרגאַנגענעם יאָר דריי יידישע ביכער פון מענדל מאַן. ערב דעם אָוונט איז אָנגעקומען פון ישראל אַ ניי בוך „מענטשן פון טענגושיי". אויסער דעם איז געוואָרן 35 יאָר ווי מענדל מאַן האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע שאַפונג אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע.

דעם שבת איז דאָס הויז פון אסתרל און מישעל קאַץ געווען ברייט צעעפנט פאַר דער ליטעראַטור אין יידיש. עס איז געווען אַ נחת און אַן אינערלעכע פרייד צו זען פיל יונגע מענטשן, כאָטש ביז איצט ווייטע פון געדרוקטן וואָרט אין דער יידישער שפּראַך, אָבער גאָר נאָענטע מיט האַרץ און נשמה צו דער יידישער ליטעראַטור. ביי שיין־געדעקטע טישן, אין אַן אַטמאָספער פון יום־טוב, איז געקומען צום אויסדרוק די ליבשאַפט און פאַרערונג צום יידישן שרייבער.

פריינד מ. קאַץ האָט געעפנט די פייערונג, גערעדט וועגן די אָנוועזנדיקע געסט און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף די יידישע פען־מענטשן און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע זענען געקומען צו דעם יום־טוב.

דעם פאָרזיץ פון אָוונט האָט איבערגענומען דער פריינד טאַסמאַ. ער האָט זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף דעם שרייבערישן וועג פון מענדל מאַן.

די פאַרזאַמלטע זענען באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם וואָס מען האָט געהערט אויף דעם אָוונט פון יצחק פוגאַטש, פון ד"ר מיכאל באָרוויטש, פון לעאָן לענעמאַן און פון שלמה פרידריך.

די ייִנגסטע טאָכטער פון דער משפּחה קאַץ האָט געלייענט אַן עסיי וואָס זשאָרזש טאַסמאַ האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין פראַנצויזיש וועגן מענדל מאַן מיט צען יאָר צוריק אין זשורנאַל פון טריקאָטער־צערקל אין פּאַריז.

עס איז געווען אַן עכט־ליטעראַרישע און קינסטלערישע אַטמאָספער אין דעם שיינעם יידישן הויז, וווּ די ווענט זענען באַהאַנגען מיט ערשטקלאַסיקע בילדער פון יידישע און נישט־יידישע מאָלערס.



אויפן יערלעכן באַל פון די לובלינער אין יום העצמאות 1972. אין נאָמען פון די אויסלענדישע געסט באַגריסט ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס (רעכטס) און פון אירגון אין ישראל — מתתיהו האָרן, סעקרעטאַר (לינקס).

# 35 יאָר טעטיקייט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל

**סעם ברייטער / מאָנטרעאַל**

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר געפייערט אַ וויכטיקע דאַטע אין לעבן פון די לובלינער אין קאַנאַדע — 35 יאָר זינט דער אַנטשטייונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט פון אַן ערך 20 לובלינער, איז אין 1937 אַנטשטאַנען און זיך שטופנווייז אַנטוויקלט אונדזער אָרגאַניזאַציע.

דער אָנהייב איז געווען אַ באַשיידענער, אָבער נאָך 2—3 יאָר, דירעקט פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט די לאַנדסמאַנשאַפט פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט. מען האָט געשיקט געלט אינדיווידועל פאַר פאַרשידענע משפחות אין לובלין, ווי אויך פאַר געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע און הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווי „טאָז״, ביקור־חולים, „טאָז״־פּלאַץ, גמילות־חסדים קאַסע און פּרץ־שול.

צווישן די גרינדער און ערשטע אַקטיוויסטן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט האָבן זיך געפינען די איבערגעגעבענע און לאַנגיאָריקע עסקנים: הערצמאַן, וועלכער געהערט די גאַנצע צייט צו דער עקזעקוטיוו, געווען פאָרזיצער און קאַסירער; ווי אויך סאַמבערג, גאַרטענבערג, חוהלע גאָלדשטיין, פרוי צימער, פרידמאַן, פסח גאָלדמאַן, אלי ברייטער.

די דאָזיקע טעטיקייט איז לײדער איבערגעריסן געוואָרן מיט דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939.

אָבער גלייך נאָך דער מלחמה האָט די לאַנדסמאַנשאַפט צוריק אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן יידישן קאָמיטעט אין לובלין, ווי אויך מיט פאַרשידענע לובלינער וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפינען אין אַנדערע לענדער, ווי דייטשלאַנד און איטאַליע. די ערשטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין שיקן מאַטעריעלע הילף פאַר די דאָזיקע לובלינער — געלט און פּעקלעך, כדי זיי צו העלפן אין דער שווערער לאַגע. אָבער ניט ווייניק וויכטיק איז געווען די אַרבעט אויפן געביט פון אויפזוכן פאַמיליעס און קרובים אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער פאַר די איבערגעבליבענע ביים לעבן לובלינער יידן אין אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ גרויסע און נוצלעכע אַרבעט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער לאַנדסמאַנשאַפט מיט פיל ענערגיע און האַרץ.

אין 1947 האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די ערשטע גרופּעס נייע יידישע אימיגראַנטן פון אייראָפּע. די מיטגלידער פון דער לייטונג האָבן אָפּגעוואַרט אין די פּאָרטן די שיפן און אויפגעזוכט לובלינער צווישן די נײ־אָנגעקומענע און גלייך זיך פאַרנומען מיט זיי, געהאָלפן איינאָרדענען. דער קאָמיטעט האָט אויך אין פיל פאַלן באַצאָלט פאַר דער רייזע פון אייראָפּע קיין קאַנאַדע פאַר לובלינער וואָס האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַצאָלן. דער קאָמיטעט האָט אויך אין פיל פאַלן גאַראַנטירט ביי די קאַנאַדישע מאַכט־אָרגאַנען פאַר די נײ־אָנגעקומענע, מען זאָל זיי געבן אַן ארײנפאָר־דערלויבעניש קיין קאַנאַדע.

איך האָב מיך אויך געפינען צווישן די נייע נאָך־מלחמה אימיגראַנטן. איך פערזענלעך מוז אונטערשטרייכן, אַז די טעטיקייט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל פאַר אונדז איז געווען אַ קאָלאָסאַלע, ווייל אַ חוץ מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע הילף, איז איר באַדייטונג באַשטאַנען קודם כל אין דער מאָראַלישער שטיצע, אין דעם געפיל פון דעם אימיגראַנט, אַז ער איז נישט אַליין אין דעם נייעם פרעמדן לאַנד, נאָר אַז ער געפינט זיך צווישן נאָענטע און טרייע מענטשן.

צו ביסלעך האָבן זיך די נייע אימיגראַנטן איינגעאָרדנט, באַקומען אַרבעט, איבערגעגאַנגען אין אייגענע וווינונגען און געוואָרן גלייכע בירגער מיט אַלע. אַ צאָל נייע לובלינער, און איך צווישן זיי, האָבן אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט. די צאָל אָנטייל-נעמער אין די פאַרזאַמלונגען פון די לובלינער איז כסדר געשטיגן.

די וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן איז געווען דאָס אויפשטעלן דעם דענקמאָל-סימבאָל צום אָנדענק פון די אומגעקומענע לובלינער אונטער דער היט־



די „לובלינער משפחה״ אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, אויף אַ חתונה ביי דער פאַמיליע בראַוער

לעריסטישער הערשאַפט. דער מאָנומענט אייניקט דאָ אַלע לובלינער און איז אויך פון גרויסער באַדייטונג פאַר אונדזערע קינדער, וואָס ווערן אַזוי אַרום צוגעבונדן צו דער געשיכטע פון זייערע עלטערן און זיידעס.

די פייערונג פון דעם 35סטן יאָרטאָג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאָל איז געוואָרן אַ געמיינזאַמער יום־טוב פאַר אַלע לובלינער אין קאַנאַדע, פאַר אירע גרינדער, וועלכע האָבן די אַרבעט אָנגעהויבן און זענען ביז היינט נאָך טעטיק, ווי אויך פאַר די נייע טוער און אַקטיוויסטן, וואָס האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דער טעטיקייט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ס'איז געווען טעטיק אַ קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעגרייט דעם דאָזיקן גרויסן טאָג. צו דער קאָמיסיע האָבן געהערט די פריינט י. פאַכטשאַש, י. הערצמאַן, נ. צימערשטיין, י. קאַפּלאַן און סעם ברייטער.

די פייערונג גופא איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. ס'זענען געקומען געסט — לובלינער פון ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און נאָרד־סידניי. מיר האָבן באַקומען פיל טעלעגראַמעס פון אויסלאַנד, און קודם־כל פון קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. דער פאַרזיצער פון אונדזער קאָמיטעט האָט געמאַכט אַן איבערבליק איבער די 35 יאָר טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין קאַנאַדע און זיך געטיילט מיט אינטערעסאַנטע זכרונות. ס'האָט געהערשט אַ חברישע און אָנגענעמע אַטמאָספער. אַלע זענען געווען פריילעך און צופרידן, מ'האָט פיל געטרונקען „לחיים" פאַרן געזונט, פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט, פאַר שלום, פאַר ישראל. מען האָט געזונגען לידער פון אַלע תקופות פון דער פאַרגאַנגענהייט, געטאַנצט און זיך געפרייט.

מ'האָט אויך דערציילט וועגן די נאָענטסטע פּלענער, וואָס ס'האָט אויסגעאַרבעט דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, וועגן אויפשטעלן די מצבה לקדושי לובלין, וועגן דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער אין ישראל צום 25סטן יאָרטאָג פון דער מדינה, וואָס וועט פאָרקומען אין יאָר 1973.

ס'איז באמת געווען אַ פייערונג, צו וועלכער ס'האָבן זוכה געווען אונדזערע לאַנדסלייט אין קאַנאַדע און וועלכע מ'וועט לאַנג נישט פאַרגעסן.

אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט פּלאַנירט צו פאַרשטאַרקן אונדזער טעטיקייט און זיין אין קאָנטאַקט מיט לובלינער און זייערע אָרגאַניזאַציעס ווו נאָר זיי געפונען זיך, און קודם־כל מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די לובלינער אין ישראל.

# אויסצוגן פון דער רעדע פון ה' זימעלשטערן אויף דער יובל־פייערונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל

חשובער פאָרזיצער!

אין אַ שטימונג פון יום־טוב און דערהויבונג באַגריסן מיר אַלע אונדזערע לאַנדסלייט און געסט, וואָס זענען געקומען צו דער היינטיקער פייערונג לכבוד 35 יאָר עקזיסטענץ פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל.

די דאָזיקע דאַטע פילט אָן מיט שטאָלץ די גרינדער און מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. ס'איז אָבער וויכטיק אַרויסצוברענגען די פאַקטן, וואָס האָבן גורם געווען די גרינדונג פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט און די ראָל, וואָס מיר האָבן געשפּילט אינעם לעבן פון אונדזערע לאַנדסלייט פאַר און נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה.

די בענקשאַפט צום געבורט־אָרט איז שטאַרק ביי יעדן מענטש. אָבער, דוכט זיך, אַז לובלינער יידן צייכענען זיך אויס מיט דער דאָזיקער אייגנשאַפט — לובלינער יידן באַציען זיך מיט ליבע צו זייער שטאָט — ווי דאָס האָט זייער טרעפלעך אויסגעדריקט דער אומגעקומענער יונגער לובלינער דיכטער, יוסף הערנהוט, אין זיינס אַ ליד:

לאָנדאָן, פאַריז, בערלין און ווין —<br>זיי זענען אַלע שיין,<br>נאָר שענער איז לובלין.

גרויס איז די בענקשאַפט און דער דראַנג צו באַהעפטן זיך מיט אונדזערע נאָענטע, מיט אונדזערע פריינד פון דער געבורט־שטאָט, ווו מיר האָבן אונדזער יוגנט פאַרבראַכט, געוועבט אונדזערע טרוימען אין שול און אין חדר, אין די פאַרשידענע פּאָליטישע און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. נאָר דאָס אַליין האָבן מיר געלאָזט הינטער זיך, ווען מיר זענען אַוועק פון לובלין.

מיר האָבן אין דער אַרבעט פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט געזוכט צו שטילן אונדזער בענקשאַפט. מיר האָבן געוואָלט דורך שמועסן וועגן לובלין, וועגן אירע גאַסן, מענטשן און אינסטיטוציעס — אַראָפּברענגען לובלין קיין מאָנטרעאַל, כאָטש אויף עטלעכע שעה.

געציילטע יחידים האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו און געגאַנגען פון הויז צו הויז, כדי איבערצייגן די פריער געקומענע לובלינער אין דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט. צווישן אַ טייל לובלינער האָט געהערשט אַ ספק, צי מיר וועלן קאָנען עפּעס אויפטאָן און ס'איז אויך געווען אַ מורא, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט וועט אויסגענוצט ווערן דורך פאַרטייאישע גרופּן פאַר פּאָליטישע צוועקן. דאָך איז געלונגען צו מאַכן אַן אָנהויב. מיר האָבן אַרויסגעשיקט אַן אויפרוף צו די לובלינער אין מאָנטרעאַל, אונטערגעשריבן דורך עלי ברייטער, יענקל ראָזענבערג און עלי פינקעלשטיין.

די ערשטע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַ פאַרוואַלטונג פון די פאָלגנדיקע חברים: גארטענבערג — פאָרזיצער; עלי פינקעלשטיין — וויצע־פאָרזיצער; הערצמאַן — סעקרעטאַר; פריד — קאַסיר.

אין דער עקזעקוטיוו זענען אַריין: יענקל ראָזענבערג, עלי ברייטער, משה גאָלדמאַן, הענרי סאַמבערג, סעם מאַטשמעיקער, פרוי זימער און פסח גאָלדמאַן.

מיר האָבן זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו העלפן מאַטעריעל און מאָראַליש די יידישע פאָלקס־שולן א. נ. פון י. ל. פרץ אין לובלין; די ערשטע גמילות חסדים־קאַסע אין לובלין און די נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס אין לובלין.

מיר האָבן אויך איבערגעשיקט אַ גרעסערע סומע אויף אויסצושטאַטן אַ צימער אויף אונדזער נאָמען אין דעם פרץ־הויז, וועלכעס איז אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן אויפגעבויט געוואָרן אין לובלין. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן דאַן געציילט אַן ערך 20 משפחות און די פאַרדינסטן אונדזערע זענען געווען גאַנץ קליינע. מען



דער אַקט פון איבערגעבן צוועלף טויזנט דאָלאַר פון די לובלינער און אומגעגנט פון טאָראָנטאָ — קאַנאַדע, אויפצושטעלן אין קרית עקרון אַן אַמבולאַטאָריע פון דער הסתדרותישער קראַנקן־קאַסע. דער צווייטער לינקס: יוסף צוקערפּין, וואָס האָט געבראַכט קיין ישראל די שפּענדונג.

האָט אַליין געפּירט אַ שווער לעבן. דאָך פלעגט מען אָפּשפּאָרן פון מויל, כדי צו שיקן די אויבנדערמאָנטע הילף.

עס איז ממש צו באַוווּנדערן מיט וואָס פאַר אַ מסירות נפש אונדזערע לובלינער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אונדזער אַרבעט, אויף אַ קורצער צייט, אָפּגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט לובלין. מיר האָבן געזען פאַר זיך איצט נייע וויכטיקע אויפגאַבן: די הילף־אַרבעט פאַר די איינצלנע געראַטעוועטע לאַנדסלייט — אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, אין פוילן, אָדער אין ישראל. די לובלינער, וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאַדע, האָבן מיר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס — געשאַפן פאַר זיי אַ סביבה, געהאָלפן מאַטעריעל. די ניי־געקומענע האָבן נאָכן איינאָרדענען זיך, אָנגעהויבן איבערצונעמען די אַרבעט אין דער לאַנדסמאַנשאַפט. היינט־צו־טאָג זענען די מערהייט אין דער אָנפירונג — ניי־געקומענע.

מיר זעצן ווייטער פאַר אונדזער הילף־אַרבעט. עס ווערן געשיקט שפּייז־פּעקלעך און רפואות ווי אויך געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט, מערסטנס אין ישראל, און אויך טיילווייז אין פוילן. מיר שטיצן די „עלית־הנוער" און דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט; מיר באַשטייערן זיך פאַר דער „הסתדרות", פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און פאַר דער אברהם רייזען־שול.

מיט ליב דאַרף דערמאָנט ווערן די אַרבעט פון אונדזערע פרויען. מיט איבערגעגעבנקייט פירן זיי דורך פאַרשידענע געלט־זאַמלונגען.

צווישן די וויכטיקסטע אויפטוען פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט דאַרף באַטראַכט ווערן דאָס אויפשטעלן דעם מאָנומענט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער אומגעקומענער לובלינער קהילה מיט אירע קנאַפּע 50 טויזנט יידן.

ווען אַפילו מיר וואָלטן קיין שום אַנדערע זאַך נישט געטאָן, נאָר בלויז אויפגעשטעלט דעם מאָנומענט, וואָלט דאָס שוין באַרעכטיקט די גרינדונג און עקזיסטענץ פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט.

★

## אַ בריוו פון ניו־יאָרק

חשובע לאַנדסלייט,

עס שרייבט צו אייך שיע בוים, סעקרעטאַר פון דער לובלינער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק. איך האָב געוווינט אין קליינטשעכיוו, ווו מ'האָט מיך גערופן דער קליינער שיעלע. אונדזערע לובלינער אין ניו־יאָרק האָבן מיך מאָביליזירט צו פּראָטאָקאָלירן די זיצונגען פון היגן קאָמיטעט און אונדזערע צוזאַמענטרעפן.

לויט די גרוסן וואָס דערגרייכן צו אונדז, פירט איר אין ישראל אַ שיינע טעטיקייט. נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען, פאַרקערט — איר מעגט זיין שטאָלץ. מיר ווייסן, אַז ניו־יאָרק איז ווייט־ווייט הינטערשטעליק לגבי אייך. די סיבות: ניו־יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט, מיר טרעפן זיך איינמאָל אין חודש. מיר זענען נישט קיין גרויסע צאָל, בפרט אַז אַ סך לובלינער געהערן צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מעגלעך, אַז אונדזער קאָמיטעט פירט נישט קיין גענוג אַקטיווע טעטיקייט. מיר האָפן אויף אַ בעסערונג.

מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אַלטע לובלינער און אונדזער נייער פּרעזידענט, בען (בער) וואָרמאַן, ווייזט אַרויס מער איניציאַטיוו.

מיר פירן איצט אַ זאַמל־אַקציע אויפצושטעלן אין ניו־יאָרק אַ מצבה לזכר די אומגעקומענע לובלינער יידן.

אַלע יידן דאָ זענען טיף דערשיטערט פונעם דערמאָרדן די ישראל־ספּאָרטלער אין מינכן.

מיר ווילן שטיין מיט אייך אין קאָנטאַקט, שרייבט ענטפער. מיר שיקן אייך צו 10 דאָלאַר פאַר „לובלינער שטימע" און 25 דאָלאַר פאַרן מאָנומענט. דורך דער צייטונג שיקן מיר איבער די בעסטע ניי־יאָר וווּנטשן די לובלינער אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט.

מיט פריינדשאַפט:

שיע בוים

## ס'ווערט געזוכט

בנימין גריי
לאָס־אַנזשעלעס, קאַליפאָרניע
אַנטשעדיקונגס־ראַטגעבער,
געריכט אינטערפּרעטאַטאָר,
עפנטלעכער נאָטאַר.

**בנוגע: <u>זלמן־שמואל (זאַל, סאָל) ווייסרובין, געבוירן דעם 12 דעצעמבער 1899 אין לובלין.</u>**

דער אויבן־דערמאָנטער איז נפטר געוואָרן דעם 3טן יולי 1970, איבערלאָזנדיק אומבאַוווּסטע קרובים. ער איז נקבר געוואָרן אויפן בית־עלמין „הר סיני" אין לאָס־אַנזשעלעס.

ער איז געווען דער זון פון אברהם ווייסרובין און בלומע פון דער היים גרינפעלד, און דער ברודער פון שרה, צעשע, בלאַנקע, גיטל, פייגע, יעקב, צדוק, מאיר און ברוך ווייסרובין — אַלע געבוירן אין לובלין און איינוווינער פון דער שטאָט, וואָס זענען וואַרשיינלעך אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה.

וואָס אַנבאַלאַנגט זלמן־שמואל ווייסרובין, פיר איך אַן אַנטשעדיקונגס־אָנקלאַגע אין בערלין און איך בין אימשטאַנד פאָרצוזעצן די דאָזיקע אָנקלאַגע, אויב איך קאָן אָנגעבן איינעם פון זיינע קרובים.

אויב ס'איז נישט פאַראַן קיין אויסזיכט צו געפינען קרובים, וועט די אָנקלאַגע, נאַטירלעך, אָפּגעוואָרפן ווערן. דעריבער בעט איך דורך אייער לאַנדסמאַנשאַפט און „קול לובלין" העלפן אויפזוכן וועמען פון די ווייסרובינס.

דערוואַרטנדיק אייער צוזאַמענאַרבעט, בעט איך אייך אָנצונעמען מיינע בעסטע וווּנטשן פאַר אַ ניי גליקלעך יאָר.

די פאַראינטערעסירטע דאַרפן דירעקט זיך ווענדן לויטן אַדרעס:

**Benjamin Grey, 6534 Moore Drive, Los-Angeles, Calif. 90048, U. S. A.**

## אַ פאַרשפּעטיקטע מעלדונג

צוליב אַ פאַרזען, האָבן מיר אין פאַריקן נומער פון אונדזער אויסגאַבע נישט געמאָלדן, אַז די לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק יוסף און צפורה שפּייזמאַן (טענענבוים) זענען פאַרשריבן געוואָרן אַלס ערן־מיטגלידער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל פאַר זייער אינטערעס און פריינדשאַפט וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן דעם אירגון יוצאי לובלין בישראל.

(סוף פון זייט 14)

האָפענונג, אַז דער ביישפּיל פון לובלין וועט נאָכגעפאָלגט ווערן דורך אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל.

פון אַ לובלינער איז אויך געקומען די איניציאַטיוו פאַר אַ ליטעראַטור־פאָנד ביי דעם פאַרבאַנד פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל. דאָס איז עובדיה פעלד, וואָס האָט געפירט דעם פאַרזיץ פון דעם פייערלעכן אָוונט. אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון זיאַמע טעלעסינס שאַפן האָבן געגעבן יוסף קערלער, דוד ספּאַרד און בינם העלער, און די שוישפּילערין הדסה קעסטין האָט איינדרוקספול רעציטירט טעלעסינס לידער.

אַ שטימונג פון עקסטאַז האָבן אין דער יום־טובדיקער אונטערנעמונג אַריינגעבראַכט די סאָוויעטישע עולים, וועמענס צאָל איז געווען גאַנץ אַנזעעוודיק אין דעם איבערגעפולטן זאַל און איינע פון זיי האָט אַפילו געבעטן אַ וואָרט. דאָס איז געווען פאַלאַ אינדיצקאַ פון מאָסקווע, וואָס האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די וואַרעמע אויפנאַמע פאַר די ערשטע סאָוויעטישע שרייבער וועט דערמוטיקן אַנדערע צו פאַרלאָזן וואָרגעליסעס „סאָוויעטיש היימלאַנד" און קומען אין יידישן היימלאַנד...

# מיר שרייבן זיך איבער

צענדליקער בריוו פון אונדזערע לאַנדסלייט אין דער גאַנצער וועלט, ווי אויך אין ישראל, קומען אָן צום אירגון יוצאי לובלין. קיין איינער פון די דאָזיקע בריוו בלייבט נישט אָן אַן ענטפער. אונדזער אַרכיוו פון דער דערהאַלטענער (און אַרויסגעשיקטער) קאָרעספּאָנדענץ — האַלט אין איין וואַקסן. אין היינטיקן נומער פון אונדזער אויסגאַבע ברענגען מיר בלויז געציילטע בריוו, דערצו נאָך — געקירצטע. זיי שפּיגלען אָפּ דעם אינהאַלט און גייסט פון די אַלע וואָס געפינען פאַר נייטיק צו שטעלן זיך מיט אונדז אין פאַרבינדונג.

## פאַריז

איך מיין, אַז מיר קענען זיין צופרידן, אַפילו שטאָלץ פון דעם וואָס מיר, נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין אָפּגעריסן איין סאָסיעטע פון דער צווייטער, האָבן מיר זיך צוריק דערנענטערט, טראָץ אַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. זענען מיר דאָך שוועסטער און ברידער פון איין שטאָט, מיט דעם טרויעריקן גורל פון אונדזער אַזוי טראַגיש אומגעבראַכטע לובלין, וועלכע איז אונדז געבליבן אין זכרון, פאַרהייליקט און טייער.

מיר האָבן אין דעם יאָר דורכגעפירט עטלעכע געמיינזאַמע אונטערנעמונגען, זייער געלונגענע.

וועגן צוזאַמענפאָר אין ישראל דעם קומענדיקן פרילינג, וועלן מיר שרייבן גענויער אין די נאָענטסטע בריוו.

די בעסטע גרוסן פאַר אַלע — פון אונדזער קאָמיטעט „קינדער פון לובלין". מיר גריסן אויך אַלע לאַנדסלייט אין ישראל.

שרהלע גאָלדאַדלער

✶

מיינע טייערע,

קודם קומט אייך אַ הערצלעכן דאַנק פאַר אייער באמת וואַרעמער און חברישער גאַסטפריינדלעכקייט וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן כלפּי אונדז. דער פּסח אין ישראל מיט זיין אמת יום־טובדיקן קאָלאָריט פאַרגעסט זיך נישט אַזוי שנעל. אַפילו דאָ, אין פּאַריז, פאַרטאָן אין דעם טאָג־טעגלעכן הו־האַ, דערמאָנט מען זיך אָפּט, אַז מיר האָבן אַ ווינקל אויף דעם ערד־קיילעך, ווו מען פילט זיך ווי ביי דער מאַמען אויפן פּיעקאַליק...

אונדזער ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, מיט זיין מענטשלעך וואַרעמער באַציונג צו אַלעמען וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער לובלין — רירט ממש ביז טרערן! איך האָף, אַז איך וועל נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אים און זיין סימפּאַטישער פרוי. דער צוזאַמענטרעף מיט די לובלינער אין בית־לייוויק, דער הויכער קולטורעלער ניוואָ פון די רעדעס, די לובלינער אַטמאָספער וואָס האָט דאָרט געהערשט — האָט אויף מיר הקטן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. איך ווינטש זיך, אַז אונדזערע פאַרזאַמלונגען פון די לובלינער אין פּאַריז זאָלן דערגרייכן אַזאַ ניוואָ! און ווייל מיר זענען שוין ביי די לובלינער אין פּאַריז, וויל איך אַ ביסל אויספירלעכער באַשרייבן אונדזערע אייגענע, פּאַריזער פּראָבלעמען.

מיר האָבן דעם 16טן אַפּריל דורכגעפירט די אַלגעמיינע וואַל־פאַרזאַמלונג. דער צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט האָט זיך ווינציק פאַרענדערט. נאָר אין די ראַמען פון קאָמיטעט האָבן מיר אַ נייע ראָלן־פאַרטיילונג: מענדל לעווינבוים איז געוויילט געוואָרן אַלס וויצע־פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט און פּאָרזיצער פון דער סאָציאַלער קאָמיסיע. נחום פערעלמוטער (נייער קאָמיטעט־מיטגליד) איז געוויילט געוואָרן אַלס קאַסירער; שמואל שפּירא — פּאָרזיצער פון דער מגבית־קאָמיסיע און פון דער קולטור־קאָמיסיע. די אַנדערע פונקציעס אין קאָמיטעט זענען געבליבן ביי זייערע אַלטע בעלי־בתים.

בנוגע די קאָנטאַקטן מיט דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין" גלייב איך, אַז מיר האָבן געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין דער ריכטונג פון איינהייט. די קאָאָרדינירקאָמיסיע קומט זיך צוזאַמען זייער אָפּט.

אלתר זאָבערמאַן

✶

דעם צוזאַמענטרעף וועלכן מיר האָבן געהאַט מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, איז באמת אומפאַרגעסלעך פאַר אונדז. דאָס בלויזע טרעפן זיך מיט אַמאָליקע היימישע פּנימער, פון וועלכע עס שוועבן אַדורך פאַרשידענע דערינערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז ווי באַלזאַם אויף דער נשמה.

מיר, די פּאַריזער קאָנען דאָס מער דערשאַצן ווי איר ישראלדיקע.

ווי גייט אייך מיט דער אַקציע פון בויען דעם מאָנומענט לזכר די לובלינער קדושים? לאָמיר האָפן, אַז איר וועט מצליח זיין. קורמען דאָך לובלינער פון דער גאַנצער וועלט, און דאָס — גאַנץ רייכע קיין ישראל. איך גלויב, אַז זיי האָבן די פולע פאַרשטענדעניש פאַר דעם הייליקן ציל וועלכן די לובלינער אין ישראל גיבן אַוועק אַזוי פיל מסירת־נפשדיקייט.

ווי זאָגט מען ביי אונדז יידן „אַז גאָט וועט געבן געזונט און לעבן" וועלן מיר זיין דעם קינפטיקן יאָר אין לאַנד צו דער פייערונג פון 25 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין

✶

ס'האָט אונדז אַלעמען זייער געפרייט וואָס די לובלינער אין ישראל זענען צוגעטרעטן מיט פיל ערנסט דורכצופירן די פאָלקס־אַקציע פאַרן דענקמאָל לזכר די קדושי לובלין. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין בריוו וועגן די אַלע אונטערנעמונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַפּריל אין תל־אביב. מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט זענען געווען אין דער צייט אין ישראל און זיי וואָלטן מיט פאַרגעניגן אָנטיילגענומען אין די אַלע אונטערנעמונגען, ווי אויך אויף דעם טראַדיציאָנעלן יערלעכן באַל. לאָמיר האָפן, אַז אויף דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער צום 25סטן יום העצמאות וואָס איר גרייט צו, וועט אַ גרעסערע גרופּע פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין" זיין אַנוועזנד — און לאָמיר האָפן, אַז עס וועט אויך שוין קומען צו דער צייט דער גערעכטער שלום אויף די גרענעצן פון ישראל.

מיר האָבן אויך אויף אונדזער לעצטער קאָמיטעט־זיצונג באַשטימט די סומע פון 200 דאָלאַר פאַר דער פאָלקס־אַקציע פאַרן דענקמאָל אין ישראל.

איצט, ליבער חבר, איז טאַקע אַ שאָד וואָס מען האַלט נישט אָן קיין גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ, און עס דאַרפן טאַקע נישט זיין קיין שום מניעות צו זיין מיט אייך אין קאָנטאַקט.

מיר האָפן, אַז אונדזער פּרעזידענטין שרהלע, ווי מען רופט זי דאָ, וועט צו די פייערונגען פון 1973 געזונטערהייט פאָרן בראש פון אַ גרופּע לובלינער פון אונדזער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין".

י. גאָלדרינג

## מאָנטרעאַל

טייערע פריינד!

מיט אַ פאַרשפּעטיקונג שיק איך אייך אַרויס אַ טשעק פון צען דאָלאַר פאַר די צוויי נומערן „לובלינער שטימע", פון 71—1972.

אַ יישר כוח אייך פאַרן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל, וואָס איז פּרעכטיק און עסטעטיש צוגעגרייט. דורך דעם זשורנאַל קומען אויף דערינערונגען פון אונדזער היימשטאָט לובלין, וואָס הויבן אָן ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן פון זכרון.

האַרציקע גרוסן פאַר פריינד און באַקאַנטע לובלינער אין ישראל.

חיים ניסענבוים

# Lubliner Memorial to Mark 29th Year

November 21, 1971, marks the 29th year since the 1942 martyrdom of Jewish victims in Majdanek-Lublin.

From a city of 40,000 Jewish inhabitants, only a few survived the Nazi bloodshedding, and some of the remaining few live in the Los Angeles area.

These "Lubliner" of Los Angeles, headed by Isreal Eisenberg, will hold a memorial evening on Sunday, Nov. 21, 7:30 p.m. at Congregation Ohev Shalom, 525 S. Fairfax Ave.

Rabbi Philip Shroit of B'nai David Congregation will be guest speaker and Cantor Hershel Walfish will officiate the Memorial Service.

All "Lubliner" and their friends are cordially invited to attend this Yiskor to honor and remember their parents, relatives, and friends who were the unfortunate victims at Lublin 29 years ago. Further information is available by calling 933-4266.

## סאַן-פראַנציסקאָ

ליבע פריינד אין ישראל !

איך דאַנק אייך זייער פאַר דער „לובלינער שטימע". דורך איר בין איך איינגעלאַדן געוואָרן פון פריינד אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס צו קומען צו דער אזכרה דאָרטן. בין איך טאַקע געקומען. איך האָב זיך געטראָפן מיט די לובלינער וואָס ווינען אין לאָס־אַנזשעלעס.

האַרציקע גרוסן פאַר אַלע לובלינער אין ישראל, ספּעציעל פאַר דוד שטאָקפיש, מאיר שילדקרויט, משפחה האָרן און דעם גאַנצן קאָמיטעט.

איך שיק אייך 50 דאָלאַר פאַרן מאָנומענט.

✶

פריינד אייזענבערג (לאָס־אַנזשעלעס),

איך דאַנק אייך זייער פאַר דער איינלאַדונג צו דער אזכרה. איך מוז אייך זאָגן, אַז אייער דערמאָנען לובלין איז מיר זייער געפעלן און עס האָט מיך געפרייט דאָס טרעפן זיך מיט די לובלינער פריינד און חברים.

איך שיק אייך אַ טשעק און איר שרייבט אויס דעם נאָמען פאַר וועמען דער טשעק איז. איך ווייס, אַז מיין טשעק איז נישט קיין גענוגנדער. אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן אַז איך געהער צו דער טאָראָנטער סאָסעיטי אין קאַנאַדע און איך שיק דירעקט צו דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין תל־אביב.

איך גריס אייך הערצלעך ווי אויך אייער פרוי און משפחה.

מענדל מילשטיין

## לאָס-אַנזשעלעס

מר אייזענבערג !

איך שיק דיר אַ טשעק אויף 20 דאָלאַר פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

איך מוז אויסדריקן מיין אָנערקענונג פאַרן אָרגאַניזירן אַ פיינע אזכרה פאַר די לובלינער קדושים. מיר זענען אַוועק מיט זייער פיינע איינדרוקן. מיר דאַנקען דיר פאַר דיינע ערנסטע באַמיונגען און אויך דיין פרוי.

נח און אַנדזשע ליפּסאָן

✶

שלום, געערטער פריינד ישראל אייזענבערג און פאַמיליע !

מיר זענען ב"ה געזונט און מיר ווינטשן זיך צו הערן פון גאַנץ כלל ישראל די זעלבע נייעס, אמן. אייער בריוו דערמאָנט מיר וועגן דער ענגלישער יוגנט און וועגן דעם שבת אין לובלין, ווו דאָס קול התורה האָט אָפּגעקלונגען פון דער חברת נושאים אויף דער לובאַרטאָווסקי־גאַס און די וואַרעמקייט פון שבת קודש האָט זיך געפילט אויף יעדן שריט און טריט. אין דעם זעלבן גייסט האָב איך זיך געפילט, ווען איך, און מיר אַלע לובלינער, האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אויף דעם מיטינג, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען.

איך וואָלט געוואָלט זייער עפּעס אָנשרייבן וועגן לובלין, אָבער איך בין שוין אויף די עלטערע יאָרן און זע נישט אַזוי גוט. איך שיק אייך פאַר די לובלינער חנוכה־געלט 5 דאָלאַר.

עיקר שכחתי, איך וואָלט געוואָלט וויסן צי אין ישראל געפינט זיך אברהם־ברוך זעכערמאַן, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַנדלט מיט הערינג, אוגערקעס אויף דער ציראָלניטשעגאַס. מיט איין וואָרט — גדליהס פון די הערינג זון. איך בין יוסלע נאַפּטשאַשס זון. מיר האָבן געהאַלטן קהלס באָד.

בכבוד רב, להתראות בארצנו !

פסח קופּערשטיק

## ניו-יאָרק

שלום !

אַ פּאָר מאָנאַטן זענען שוין אַוועק זינט מיין באַזוך אין ישראל. אַחוץ מיין אַרומרייזן און זען שטעט און קיבוצים, בייזיין אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס — איז אויך דער צוזאַמענטרעף פון אַזוי פיל לובלינער (קיין ע"ה) געווען אַ סיורפּריז און אַ גרויסע איבערלעבונג צו זען אייגענע, וואָס איך האָב שוין נישט געזען צענדליקער יאָרן; מענטשן, וועלכע איך געדענק פון דער פריסטער יוגנט, צוזאַמען אויפגעוואַקסן און געקעמפט פאַר די זעלבע אידעאַלן. לאָמיר דעריבער האָפן, אַז דאָס וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט וועגן אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון לובלינער אין 1973 אין ישראל — זאָל זיין געלונגען.

דערווייל שיק איך אַ באַשטייערונג פון צען (10) דאָלאַר פאַר דער צייטונג.

ראובן פרידמאַן

## סאַן- פּאַולאָ

אייער בריוו פון 1.6 ה.י. דערהאַלטן, אויך די קבלה. עס פרייט אונדז זייער וואָס איר האָט אויפגענומען דעם ה' ראובן ראָסעט. האַלט אָן מיט אים אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. איך האָב אים איבערגעגעבן וועגן אייער בריוו ביי זיין צוריקקומען פון אייראָפּע.

וועגן וועלט־צוזאַמענטרעף — גאַנץ מעגלעך, אַז מיר ווילן זיך זען. איך האָב נאָך עפּעס צו דערליידיקן אין בראַזיל ביז ענדע יאָר. אויב איך וועל דאָס רעאַליזירן, וועט דוכט זיך נישט זיין קיין שום מניעה.

ביי אונדז איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג. מען אַרבעט און אויף פּרנסה פאַרדינט מען.

מיר דאָ וואָלטן שטאַרק געוואָלט, אַז עס זאָל אייך זיין זייער גוט אין ישראל. עס זאָלן פאַריבער אַלע געפאַרן און איר זאָלט צוזאַמען מיט אונדז בויען די צוקונפט פון אונדזער פאָלק. מיר דאָ לעבן טאָג־טעגלעך מיט זאָרג וועגן די ישראל־פּראָבלעמען און זיי שטייען אין צענטער פון אונדזער אינטערעס. די פראַגע פון עליה איז גענוג קאָמפּליצירט, אָבער נישט געקוקט אויף פאַר־





לובלינער יידן אין לאָס־אַנזשעלעס אויף אַן אזכרה (אויבן) און אַ צוזאַמענטרעף (לינקס).

שידענע שוועריקייטן, נעמט דער ענין אָן שווונג.

לאָזער גאָלדבוים

## ישראל

לכ׳ אירגון יוצאי לובלין בישראל,

איך דריק אויס מיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער הילף אין משך פון עטלעכע יאָר, וואָס דער קאָמיטעט איז מיר אַנטקעגן געקומען מיט הלוואות, מיט שטיצע אויף פסח, ווי אויך ראש־השנה און אַלע יום־טובים קען איך זיצן רויק און עסן גלייך מיט אַלע יידן — אַ דאַנק דעם אירגון יוצאי לובלין. איך בין קראַנק, נישט אַרבעטס־פעיק.

איך אַפּעליר צו די לובלינער לאַנדסלייט אין ישראל, ווי אויך צו די לובלינער אין אויסלאַנד: זיי זאָלן זיין שטאָלץ מיט אַזעלכע כלל־טוער וועלכע ענטפערן אימער מיט אַן אַנגענעם, שמייכלדיק פּנים. זיי אָפּפערן זיך מיט דער גאַנצער נשמה. זייערע טירן זענען אָפן פאַר נויטבאַדערפטיקע. איך דאַנק פון טיפן האַרצן און ווינטש דערפאָלג אין זייער ווייטערדיקער אַרבעט פאַר הילפלאָזע מענטשן. איך דאַנק דער פרוי קוריס לאה, דוד שטאָקפיש, מ. הורן, דוד רובינשטיין, ש. לאור און אַנדערע.

צ. ש., נצרת עילית


דערשינען דאָס בוך זכרונות פון

עובדיה פעלד

**5 יאר אין סאציאליס־טישן פאטערלאנד**

(אין די אַרכאַנגעלסקער טייגעס און טאַדזשיקישע קאָלכאָזן)

די טעג איז אין תל־אביב דערשינען דאָס בוך פון אונדזער לאַנדסמאַן, דעם זשורנאַליסט עובדיה פעלד, וואָס אַנטהאַלט זכרונות פון לובלין גלייך נאָכן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, פון ראַטנפאַרבאַנד און פון אונדזער היימשטאָט נאָך דער מלחמה.

דאָס בוך שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון צענדליקער טויזנטער פּליטים אין די טייגעס, לאַגערן און קאָלכאָזן אין איינע פון די שווערסטע תקופות פון יידישן פאָלק בכלל און פוילישן יידנטום בפרט. דאָס בוך שילדערט אויך די אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען פון צאָלרייכע לובלינער.

„5 יאָר אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד" לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

דער הנחה־פּרייז פון בוך פאַר לובלינער אין לאַנד: 12 ל״י; אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר, איינשליסלעך פּאָסט־קאָסטן.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

עובדיה פעלד, ת״א, ת.ד. 28140.

**Tel-Aviv, P. O. B. 28140.**

דאָס בוך וועט אויך פאַרקויפט ווערן ביים אַריינגאַנג צום יזכור־אָוונט, דעם 9.11.1972, אין זאַל פון „בני ברית" אין תל־אביב.


# ברוך אורן באַקומען די אוניווערסיטעט־סטיפּענדיע א.נ. פון בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט

אַ גרויסער עולם, על־פּי־רוב לובלינער לאַנדסלייט, האָבן אויסגעפילט די אודיטאָריע אינעם מעקסיקע־הויז פון תל־אביבער אוניווערסיטעט בעתן פייערלעכן צוטיילן די סטיפּענדיע א.נ. פון דער לובלינער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט דעם שרייבער און לייטער פון „בית יד לבנים" און מוזעום אין פּתח־תקוה ב ר ו ך  א ו ר ן, וואָס שטודירט איצט היסטאָריע אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט. זיין אַרבעט וואָס האָט אים געבראַכט די סטיפּעדיע, איז: „קינדער־דערציונג אין די לאַגערן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה".

אין זיין דערעפענונגס־וואָרט האָט ד״ר א. פעלדמאַן איבערגעגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דער פּערזענלעכקייט און שאַפן פון דער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט, וועלכע האָט געהערט צו דער גרופּע פאַרמלחמהדיקע יידישע היסטאָריקער, וואָס האָבן די קדושה פון זייער אַרבעט זוכה געווען צו דערהייבן צו אַן אייגענער קדושה און מיט זייער אַרבעט געשאַפן די היסטאָרישע כלי־זיין פאַרן הערויִשן און גרויסן קאַמף וואָס יידן אין פּוילן האָבן געפירט אין משך פון דורות.

דער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל האָט איבערגעגעבן וועגן די פאָרשערישע אַרבעטן, וואָס בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט האָט דורכגעפירט צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע היסטאָריקער איבער דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. די דאָזיקע גייסטיקע אַמוניציע איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער קולטור־שעפערישער טעטיקייט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

דוד שטאָקפיש האָט אין נאָמען פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אָפּגעמערקט די גרויסע פאַרדינסטן פון דער היסטאָריקערין ביים צעאַקערן דאָס רחבותדיקע היסטאָרישע פעלד פון יידיש לעבן אין לובלין און כאַראַקטעריזירט די פּערזענלעכקייט פון ברוך אורן, דעם לייטער פון „יד לבנים" אין פּתח־תקוה, וואָס געפינט צייט פאַר שטודירן אויפן אוניווערסיטעט און איז מיט זיין היסטאָרישער אַרבעט איבער דער דערציונג אין די נאָכמלחמהדיקע לאַגערן אין דייטשלאַנד ממשיך דעם שאַפונגס־וועג פון די פאַרמלחמהדיקע יידישע היסטאָריקער.

אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט האָט געהאַלטן דער היסטאָריקער עמנואל מעלצער איבער דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג לגבי דער יידישער עמיגראַציע אין די יאָרן 1935—39. אויפן סמך פון דאָקומענטן אין די דייטשע און ענגלישע אַרכיוון האָט דער רעדנער אַרויסגעבראַכט נייע מאָמענטן אין פּוילנס דראַנג צו לייזן די יידן־פראַגע דורך אַ מאַסנווייזער עמיגראַציע קיין מאַדאַגאַסקאַר, נישט געקוקט דערויף, וואָס די ספּעציעל־געשאַפענע קאָמיסיע האָט אין איר באַריכט נעגירט די מעגלעכקייט צו באַזעצן דאָרט יידן.

זלמן קראַטקאַ, נייער עולה פון פּוילן, האָט געגעבן אַן אינהאַלטסרייכן רעפעראַט וועגן די „יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן".

(„היינטיקע נייעס")




אויף דער לעצטער אזכרה אין תל־אביב. קינדער פון די אַדאָפּטירטע שולן באַטייליקן זיך אינעם טרויער־אַקט.

ילדי בתי־הספר ע״ש ליאו בק בחיפה שהשתתפו בעצרת זכרון לקדושי לובלין, שהתקיימה בת״א.

# א „לובלינער" חתונה אויפן רמת הגולן

**גיטעלע עדעלשטיין / פּאַריז**

*געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין ברודער יחיאל־נח שילדקרויט ע"ה.*

אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג איז דאָס געווען. בייוווינען און מיטפרייען זיך אויף אַ חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אויף די הויכקייטן פון גולן, צוויי קילאָמעטער פון דער סירישער גרענעץ. דאָס אויג איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דעם אומגעוויינלעכן בילד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטן — דאָרט, ווו דער כנרת איז איינגעפאַסט ווי אַן איידלשטיין אין גרינקייט און עס זעען זיך צענדליקער ישובים פון גליל.

אַ חתונה אויף די הויכקייטן פון גולן — דערצו נאָך אַ חתונה אין וועלכער איך בין אַזוי מיטבאַטייליקט, ווייל איך פאַרטרעט דאָ דעם פאָטער פון דער כלה, יחיאל-נח שילדקרויט, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין יאָר 1948 אין ישראל פון אַן אויטאָקאַטאַסטראָפע. צוזאַמען האָבן מיר מיטגעמאַכט סיביר און נאָך דעם — מיטל-אַזיע. ער האָט אין לובלין געהערט צום אַקטיוו פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, געווען אין „בונד". אַליין אַ טעקסטיל-אַרבעטער, האָט ער אָנגעפירט מיט דער סעקציע צו פאַרטיידיקן די לוין-אַרבעטער. זיין לעבן איז געווען שווער, אַן אַרבעטער, וואָס דאַרף אויסהאַלטן אַ פרוי און קינדער, און דערצו נאָך העלפן די קרובים.

דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט צעטרייסלט די משפּחה זיינע, וואָס איז באַשטאַנען פון 12 נפשות, ווייל ער האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון דערנערן די קינדער און דעם שוואָגער, וואָס איז בלינד געוואָרן. בעת דער גרויסער בהלה וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פוילן מיט דעם אַריינדרינגען פון די דייטשן, איז ער אַוועק אין טיף רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיינע צוויי קינדער. די פרוי זיינע איז געבליבן מיט דער האָפענונג, אַז דער שטורעם וועט זיך אפשר איינשטילן. ער האָט באַטרעטן די רוסישע ערד בלויז מיטן זון, ווייל די טאָכטער איז פאַרלוירן געוואָרן בעת אַ באָמבאַרדירונג. זי האָט זיך ערשט אָפּגערופן אין יאָר 1941 פון ביאַליסטאָק, ווו זי איז דערנאָך אומגעקומען. ביי דער רוסישער גרענעץ האָט מען אים צעשיידט מיטן זון און אים צוריקגעשיקט אויף דער דייטשער זייט. עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן און די געוויינען; דער פאָטער איז געבליבן אַליין — אָן דער טאָכטער, אָן דעם זון. היות ער האָט נישט געוואָלט שווייגן און געפאָדערט אַז מען זאָל אים דערלויבן צוריקגיין דאָרט ווו דער זון, האָט מען אים געמשפּט אַלס... דייטשן שפּיאָן און פאַרשיקט קיין סיביר אויף שווערער קאַטאָרגע.

נאָך דעם אָפּמאַך פון גענעראַל שיקאָרסקי מיט דער סאָוויעטישער מאַכט, האָט מען אָנגעהויבן צו באַפרייען די פאַרשיקטע פוילישע בירגער פון סיביר. מיין ברודער איז באַפרייט געוואָרן און אָנגעקומען מיט איינע פון די סיבירער עשאַלאָנען קיין אוזבעקיסטאַן.

אויך איך בין דעמאָלט געקומען קיין אוזבעקיסטאַן, גאַנץ צופעליק, צוזאַמען מיט מיין יינגעלע מישעל, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע זעקס חדשים. מיר האָבן זיך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען פון מערב-אוקראַינע אין די לעצטע רגעס.

פינף יאָר האָבן מיר געוווינט אין קאַזאַכישע קיביטקעס. מיין ברודער האָט נישט גערוט. ער האָט אַלץ געטאָן אויף צו העלפן די נויט-ליידנדיקע, אויסגעייענדיקע נע-ונדע יידן, וועלכע האָבן דורשטיקע און הונגעריקע געזוכט אַן אָרט. זיי זענען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען אינוואַלידן און צעבראָכענע מענטשן. מיין ברודער האָט זיי גערופן צו זיך אין קיביטקע און געגעבן אָפּצועסן אַ ביסל וואַרעמס. פיל זענען געשלאָפן אויף דעם ליימענעם דיל.

פאַר עטלעכע לובלינער יידן האָט ער געמאַכט ביי זיך נאַרעס, אויסגעבעט מיט שטרוי און פאַרדעקט מיט פופייקעס. ער האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

די קיביטקע פון שילדקרויטן איז באַקאַנט געוואָרן אין דעם גאַנצן ראַיאָן. מען האָט געוווּסט, אַז פון דאַנען וועט מען שוין נישט אַוועק קיין הונגעריקער און דורשטיקער.

יחיאל-נח האָט פאַרלייגט אַ נייע היים, אַ משפּחה מיט דער לובלינער פרוי אידאַ זאַנדשטיין — און עולה געווען קיין ישראל. דאָרט איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן זהבה'לע. דאָס איז זי, די יידישע כלה, וואָס שטייט איצט אויפן גולן מיט איר באַשערטן אונטער אַ חופּה.

דער חתן איז אַ מיטגליד פון קיבוץ, ער איז באַפריינדעט מיט די דרוזן, אַרבעט צוזאַמען מיט זיי. אויך זיי זענען געקומען. אינעם עס-זאַל שטייען געדעקטע טישן פאַר 500 געסט. עס קומען חברים פון די שכנותדיקע קיבוצים. די כלה שטראַלט פון פרייד. אויף דער טריבונע טרעטן אויף עטלעכע יונגע פאָרלעך, וועמענס חתונה קומט פאַר דעם זעלבן אָוונט אין קיבוץ. דער אָנפירער פון דער גרופּע דרוזן מיט זיינע חברים גיבן איבער אַ מתנה דער כלה. מען צעקושט זיך אויפן סאַברישן שטייגער און עס ווערט אַ ראָד, אַלע צוזאַמען לאָזן זיך אַוועק אין אַ פריילעכן טאַנץ. יידן, דרוזן, קיבוצניקעס און חיילים, אָפיצירן און ציווילע — אַלע טאַנצן מיט געפלאָכטענע הענט. שוואַרץ-ווייסע קאַפּעלעך, קאָלירטע קליידער, אַ מיידעלע מיט געקרייזלטע האָר, פּעך-שוואַרצע, פון מאַראָקאָ, און ליכטיקע קעפּלעך; מען טאַנצט דאָס מצווה-טענצל.

פאַראַן אויך אַ גרופּע בחורים אין שטריימלעך מיט רויטע פּאַטשיילעס אין די הענט. דאָס זענען טענצער פון אַ שכנותדיקן קיבוץ. מען זינגט אין עברית, אויך אין יידיש. ווער קען דען נישט אין ישראל דאָס ליד „חתן-כלה, מזל-טוב"? אַפילו די דרוזישע געסט באַמיען זיך נאָכצוזינגען דאָס יידישע ליד. אומגעריכט



teatrnn.pl

לאָזט זיך הערן דער קיבוצישער אָרקעסטער און דער עולם זינגט און טאַנצט מיט.

צוויי טעג פאַר דער חתונה האָבן די סיריער באַשאָסן מיט „קאַטיושעס" דעם זעלביקן קיבוץ. מען האָט אָפּגעענטפערט — און ס'איז גאָרנישט געשען.

טאַקע יענעם טאָג ווען איך בין שוין געווען אין תל-אביב, האָב איך טעלעפאָנירט אין קיבוץ אויפן גולן און אַרויסגערופן זהבה'לען צום טעלעפאָן: „אפשר וואָלט געווען שכלדיק אָפּצולייגן די חתונה?"... זי האָט מיר תיכף געענטפערט: „דודה גיטעלע, וואָס רעדסטו? מיר זענען דאָ אַזוי זיכער ווי אין תל-אביב. צה"ל וואַכט! זײַ רויק".

יאָ, זהבה איז גערעכט. מען מעג זײַן זיכער, מען דאַרף זײַן רויק און אָנפאַרטרויען צה"ל.

שפּעט בײַנאַכט פאָרן מיר צוריק קיין תל-אביב. איך בין פול מיט מחשבות. איין געדאַנק יאָגט דעם אַנדערן. איך פּרוּוו זיך קלאָר מאַכן די איבערלעבונגען פון דעם גרויסן, ליכטיקן טאָג. איך טראַכט וועגן אונדזערע קינדער אין פראַנקרײַך, וועגן אונדזער יוגנט — און וועגן די קינדער און די יוגנט פון די קיבוצים, פון ישראל.

זהבה'לע איז געוואָרן פאַר מיר אַ סימבאָל פון דעם נײַעם יידישן דור וואָס קומט-אויף אין מדינת ישראל.









אויף דער חתונה אין רמת-הגולן

אויף די בילדער לינקס, פון אויבן אַראָפּ:

אויף דער חתונה פונעם זון פון דער פאַמיליע גורפינקעל אין תל־אביב;

אויף דער חתונה ביי דער פאַמיליע בוים אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע;

אַ גרופּע לובלינער פון לאָס־אַנזשעלעס — אויף אַן אויפנאַמע ביי דער פאַמיליע ברייטער אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע;



אויף דער חתונה פון דער טאָכטער פון אונדזער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן — אין תל־אביב. אויפן בילד — אַ גרופּע לובלינער.

# מיט לובלינער
# אין מאַנטרעאַל, טאַראַנטאַ און ניו־יאַרק

משה וואַסאַנג / תל־אביב

נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך און מיין חנה באַקומען פון אויסלאַנד איינלאַדונגען פון אונדזערע פריינד צו די חתונות פון זייערע קינדער. נאָר „פּאָלג מיך אַ גאַנג" צו פליען אין דער גרויסער וועלט אויף יעדער לובלינער שמחה... אָבער דאָסמאָל, אַז די פּאָסט האָט געבראַנגט די פאַרבעטונג פון אונדזערע גוטע חברים און לאַנדסלייט בראָניע און יאָסקע בוים אין קאַנאַדע, אַז זיי וועלן פירן אונטער דער חופה זייער זון בערנאַרד מיט דער באַשערטער — איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מיר לאָזן זיך קיין מאָנטרעאַל צו דער חתונה. דער מרחק איז טאַקע אַ ווייטער, נאָר מיט „אל־על" דויערט עס אינגאַנצן 11 שעה, שוין אַריינגערעכנט די האַלבע שעה וואָס מען שטעלט זיך אָפּ אין פּאַריז.

אָנגעקומען אין אַ מזלדיקער שעה אויפן אַעראָפּאָרט אין מאָנטרעאַל און מיר געפינען זיך גאָר אין... לובלין. אַ גאַנצער מנין שטעטישע האָבן אונדז דאָרט אָפּגעוואַרט: פּאָלע און סוכער פּאַכטשאַש, סעם און שרה ברייטער, אברהם ווייס, בראָניע, יאָסקע, שלמה און נח בוים, ישראל כהן. די פרייד — אויסערגעוויינלעך. מיר באַגריסן זיך, קושן זיך, מען פרעגט זיך אויף בשותפותדיקע פריינד אין ישראל און אין קאַנאַדע.

אַ לובלינער אין מאָנטרעאַל דאַרף נישט זוכן קיין האָטעל. יעדע לובלינער היים דאָרט איז תמיד אָפן פאַר אונדזערן אַ לאַנדסמאַן. די פאַמיליע פּאַכטשאַש איז אונדזער גאַסט־געבער — און זייער הכנסת־אורחים וועלן מיר לאַנג־לאַנג געדענקען. די חתונה איז פאָרגעקומען דעם 21סטן מאַי ה. י. און פון 300 געסט זענען אַ 70 געווען לובלינער. איך און חנה זענען דאָרט פאַרוואָרפן געוואָרן מיט פראַגן וועגן ישראל, וועגן דער לאַנדסמאַנשאַפט דאָ, וועגן קרובים און חברים. ס'איז געווען אַן אמתע יידישע שמחה מיט אַ סך לובלינער אַטמאָספער און גייסט.

15 טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער שיינער שטאָט, ווו מיר האָבן אויך געהאַט אייניקע צוזאַמענטרעפן און אויפנאַמעס. נאָכן אומקערן זיך פון אַ באַזוך אין טאָראָנטאָ, איז אין מאָנטרעאַל פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג (אויף זייער לשון — מיטינג), מיטן אָנטייל פון אַ 70 לובלינער. עס האָבן באַגריסט: זימלשטערן, ברייטער, הערצמאַן, א. ניסענבוים, פּאַכטשאַש, ברייטער. איך און חנה האָבן אָפּגעגעבן אַ גרוס פון ישראל. דער געדאַנק וועגן דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער — איז געווען די הויפּט־טעמע פון אַלע צוזאַמענקונפטן.

די לובלינער אַקטיוויטעטן אין מאָנטרעאַל איז פאַר אַלעמען צו פאַרדאַנקען דעם פרויען־קאָמיטעט. די געלונגענע אָוונטן, דער פיינער כיבוד, די האַרציקע אַטמאָספער — דאָס אַלץ איז דער פאַרדינסט פון רחלע זימלשטערן, פּאָלע פּאַכטשאַש, פייגעלע ניסענבוים, שרה ברייטער, פרוי צווייקאָפּף (אויב כ'האָב פאַרגעסן אַ נאָמען — זייט מוחל). איך ווינטש זיך נאָר, אַז אין ישראל און אין אַנדערע לענדער זאָל נאָכגעטאָן ווערן דער שיינער ביישפּיל פון די לובלינער פרויען אין מאָנטרעאַל. זיי זענען אַפילו מקיים די מצווה פון ביקור־חולים און באַזוכן קראַנקע לאַנדסלייט אין די שפּיטעלער, צי אין די היימען.

ס'איז געקומען די ריי צו באַזוכן טאָראָנטאָ. סוכער פּאַכטשאַש „שפּאַנט איין" זיין אויטאָ — און נאָך 8 שעה פאָרן קומען מיר אָן קיין טאָראָנטאָ. ווידער זענען מיר אין אַ לובלינער קרייז. קודם כל — אויף דער האַרציקער אויפנאַמע ביי משה וואַקסבוים אין שטוב. דערנאָך — אַ צווייטער קבלת־פּנים ביי זיסל פּעפּערמאַן אין דער היים. דו זעסט אַלטע ידידים, ווי די אַלספּעקטאָרס, צוקערפיינס, בראָדי, פּעפּערמאַן, פּאַכטשאַש, פרידמאַן. דער לעצטער האָט נישט מוותר געווען פון אַ באַזוך אויך ביי אים, אין דער גרויסער וווינונג. די אַלע יידן ווייסן נישט פּשוט ווו דיך צו זעצן, ווי אַזוי אויפנעמען. די געשפּרעכן, נאָכן פאַרענדיקן די פּערזענלעכע פראַגן און פאַראינטערעסירונגען, באַוועגן זיך ווידער אַרום דער טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין ביידע קאַנאַדער שטעט, אין ישראל, דער עיקר — דער וועלט־צוזאַמענפאָר און די אַנטהילונג פונעם דענקמאָל אין נחלת יצחק.

די 4 טעג באַזוך אין טאָראָנטאָ האָבן איבערגעלאָזט אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן אויך אַ דאַנק אַניע און יוסף בראָם, וואָס האָבן אונדז אַרומגעפירט אין שטאָט און באַקענט מיט אירע מערקווירדיקייטן.

אויך אין ניו־יאָרק האָט מען זיך באַגעגנט מיט אונדזערע לאַנדסלייט: אברהם ריינמאַן און פרוי (ביי זיי אין שטוב זענען מיר איינגעשטאַנען), חיים לעדערמאַן, פלוג, די ברידער ווייצענפעלד, משה גאַרדין, וועלכער האָט אונדז אויך געוויזן די גרויסע שטאָט. געמיינט האָב איך (און דאָס איז אויך געווען איינער פון די וויכטיקסטע צילן צו באַזוכן ניו־יאָרק), אַז כ'וועל זיך טרעפן מיט עמעצן פון קאָמיטעט, מיטן פּרעזידענט (אברהם וואָרמאַן), אָבער — נעכטיקע טעג. אויך בעת מיין וויזיט אין ניו־יאָרק איז נישט געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט — און זי איז נאָך אַלץ געבליבן פרעמד און דערווייטערט פון דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי — דאַרפן אויפקלערן די ניו־יאָרקער.

ביים פאַרענדיקן אונדזערע רייזע איינדרוקן וויל איך צוגעבן, אַז מיר האָבן נאָך באַזוכט ניו־דזשערסי, ווו עס וווינט





אויף דער חתונה ביי דער פאַמיליע בוים אין מאָנטרעאַל און פריוואַטע אויפנאַמע פאַר די געסט פון ישראל.

# יעקב גלאַטשטיין

# דער לובלינער

## נחמן בלומענטאַל / תל־אביב

געבוירן אין לובלין (20.8.1896), איז גלאַטשטיין צו 13 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און צו 18 יאָר האָט ער, צוזאַמען מיט דער משפחה, אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז געבליבן ביזן סוף. קומט אויס, אַז גאַר אַ קליינעם פּעריאָד פון זייַן לעבן האָט דער דיכטער פאַרבראַכט אין לובלין. פונדעסטוועגן — אַזוי ער אַליין און אַזוי מיר — האַלטן אים פאַר אַ **לובלינער** און מיט רעכט.

צו שטוינען, ווי אַ מענטש קאָן זיין אַזוי צוגעבונדן צו אַן אָרט און נישט פאַרגעסן אים אויף קיין רגע, הגם גלאַטשטיין איז דאָך תיכף אַריין אין דער יידישער סביבה פון די אַמעריקאַנער יידן, און בקרוב דערוואָרבן זיך אַן אָנגעזעען אָרט סיי ווי אַ שרייבער, סיי ווי אַ רעדאַקטאָר, סיי ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער.

פונדעסטוועגן — ווען ער איז געקומען קיין ישראל און געטראָפן זיך מיט מיר אין ירושלים, זענען זיינע ערשטע פראַגן געווען, ווען בין איך געווען דאָס לעצטע מאָל אין לובלין, ווי אַזוי זעט אויס אַ שטאָט אָן יידן וכ׳ וכ׳. דאָס זעלבע ווען, סוף 1967, האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין ניו־יאָרק. נישט נאָר ער פערזענלעך האָט געלעבט פון דער ווייטנס מיט לובלין, נאָר לובלין איז אויך געוואָרן אַריינגעפלאָכטן אין זיין דיכטערישן שאַפן. האָט ער אין יאָר 1934 געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע און זי דערנאָך באַשריבן, איז די הויפּט־טעמע פון זיין בוך: לובלין. ווען מ׳לייענט די צוויי ביכער, געווידמעט דער דאָזיקער רייזע: „ווען יאַש **איז** געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען" טרעפט איר זיך מיט לובלין, היימישע טיפּן. מ׳קאָן אַפילו דערקענען מיט וועמען יאַש האָט זיך דאָרט געטראָפן, הגם גלאַטשטיין גיט נישט אָן זייערע נעמען. אַ לובלינער זעט אין די ביכער אַ רעפּאָרטאַזש פון זיין היימשטאָט, אַ פרעמדער — בלויז אַ קינסטלערישע באַשרייבונג פון לעבן פון די יידן אין פּוילן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין ווען דער דיכטער זאָגט וועגן זיך:

„מיין קאָפּ איז באַקרוינט
מיט גרייז גרויער יידישקייט" —

איז דאָס ריכטיק פיין ריין אויסערלעך — אויף דער עלטער האָט גלאַטשטיין באַקומען אַ קאָפּ באַדעקט מיט געדיכטע ווייסע האָר, סיי אינערלעך — זיינע לידער ווייקן אין יידישקייט. אָבער יידישקייט האָט אין משך פון דורות און אויך היינט צו טאָג געהאַט פאַרשידענע פאָרמען. ביי גלאַטשטיינען — צי ער זאָגט דאָס בפירוש צי נישט — איז די יידישקייט אַ לובלינער. לובלין וואַקסט ביי אים אויס ווי אַ סימבאָל פון חורבן בכלל. אין זיין באַקאַנטן ליד וועגן מיידאַנעק זאָגט ער (איך ציטיר נישט ווערטלעך): אויפן הר סיני האָבן מיר באַקומען די תורה און אין לובלין [מיידאַנעק] האָבן מיר זי צוריקגעגעבן. לובלין דערשיינט דאָ ווי די אַנטיטעזע פון הר סיני — דאָרט איז געווען דער אָנהייב פון אונדזער אויפשטייג, און לובלין אונדזער סוף.

אגב, אין דער צייט פון חורבן, האָט דאָס „יידישקייט" פון לובלין אָנגענומען אַ באַזונדערע באַדייטונג. אין זיינע כראָניקעס געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ, האָט הרב שמעון הובערבאַנד זיך אויסגעדריקט, אַז אַ געוויסער יידישער ישוב

←



לובלינער אין מאָנטרעאַל וואַרטן אָפּ אויפן פלי־פעלד די געסט פון ישראל — חנה און משה וואַסאָנג.

אַ פעטער פון חנהן — בן־ציון גאָלדשטיין (פון דער וואָליע).

אַ נסיעה קיין אויסלאַנד, דערצו נאָך אין אַזעלכע דריי גרויסע מעטראָפּאָליעס, איז אָן שום ספק אַ טיפע איבערלעבונג, בפרט נאָך, אַז אויף טריט און שריט טרעפסטו זיך מיט חברים און פריינד פון דער אַלטער היים, פון שול און חדר, פון דער אָרגאַניזאַציע און פון גאַס. נאָר למען האמת, האָט נאָכן אומקערן זיך קיין ישראל, באַשטעטיקט זיך דאָס פּוילישע ווערטל, וועלכע מיר פלעגן אָפט באַנוצן אין לובלין: „ווּשענדזשע דאָבזשע, אַלע וו׳ דאָמו נאַילעפּ־עי". אין דער אַלט־נייער היים, אין מדינת ישראל, האָבן מיר זיך געפילט אַמבעסטן. נאָר דאָס אַלץ פאַרמינערט נישט אונדזער געפיל פון דאַנקבאַרקייט די אַלע בני־עיר אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און קאַנאַדע, וואָס האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האַרציקייט. עס קומט זיי אַ יישר כוח — און דער ווונטש פון הנה און מיר איז איינער: זאָלן אויך מיר אין ישראל, אויפן וועלט־צוזאַמענטרעף, צי ביי אַנדערע באַזוכן, אַרויסווייזן די לובלינער אין די תפוצות — אַ נישט קלענערע מידה פון הכנסת־אורחים.

ידיעה בעתון „בני ברית" בלוס־אנג׳לס על תרומתו של בן עירנו יואל גולדמן ורעייתו סכום של מיליון דולר לאוניברסיטה העברית בירושלים.

אַ ידיעה אין דער לאָס־אַנזשעלעסער צייטונג „בני ברית" וועגן דער שפּענדונג פון אַ מיליאָן דאָלאַר פאַרן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים דורך אונדזער לאַנדסמאַן יואל גאָלדמאַן און פרוי.

### Julius Goldmans Give $1 Million To Hebrew U.

**Mr. and Mrs. Julius Goldman of Encino have given $1,000,000 to the Hebrew University to further its agricultural programs and research, it was announced by university vice president Bernard Cherrick.**

Cherrick told of the Goldman gift during the third annual Scopus Award dinner of the American Friends of the Hebrew University Sunday evening at the Century Plaza Hotel.

**THE ISRAELI** educator, here to present the award to Rabbi Max Nussbaum, disclosed the Goldmans' generosity to nearly 1,000 guests.

Mr. and Mrs. Goldman, who escaped the holocaust, came to the Southland in 1952, ostensibly to retire. Instead Goldman developed his Moorpark egg business into the largest in the world.

A previous research grant to the university succeeded in putting an

Please Turn to Page 6



MR. AND MRS. JULIUS GOLDMAN
—$1 Million For Hebrew University

# לובלין - סמל העקדה של עם ישראל

## ביצירותיו של יעקב גלאטשטיין

(קטע ממאמרו של ש. ל. שניידרמן — „יעקב גלאטשטיין — ליום הולדתו ה-75")

ביובל שנים של סער ופרץ יצירתי, כמשורר מקורי, כמבקר שנון ופובליציסט חוצב אש להבות, הפנה גלאטשטיין ללא הרף את מבטו הנוסטאלגי ללובלין, שממנה נטל עמו אל העולם הגדול מטען עשיר של יהדות שורשית ודעת חילונית.

גלאטשטיין נולד בלובלין, ב־21 באוגוסט 1886. הוא למד אצל טובי ה„מלמדים" של עירו, ובהשפעת אביו שהיה חובב גדול של ספרות יידיש אשר זה־עתה נולדה, התחיל בגיל מוקדם מאוד לכתוב שירים וסיפורים. בהיותו בן 13 לקחו אביו עמו לווארשה והוליכו אל בית י. ל. פרץ ברחוב צגלאנה, שאליו נהגו לעלות לרגל סופרים יהודים צעירים מן הערים והעיירות של פולין.

בגיל 16 עבר גלאטשטיין אל הגימנסיה הרוסית בלובלין ואפילו ניסה לכתוב שירים בשפה זו. גם מאוחר יותר, כאשר הגיע בגיל 18 לאמריקה, ולמד זמן־מה משפטים באוניברסיטה של ניו־יורק, ניסה גלאטשטיין את כוחו בכתיבת שירה באנגלית.

אך בנפשו ניצחה שפת יידיש רבת העוצמה של לובלין והרושם הבלתי־נשכח מפגישתו עם י. ל. פרץ. באוניברסיטה הניו־יורקית התיידד גלאטשטיין עם נ. ב. מינקוב, אשר הפגישו עם א. גלאנץ־ליילס הקשיש יותר, ובשנת 1920 פירסמו שלושתם את ה„מאניפסט" של התנועה האינזיכיסטית בשירה היידית.

אך גלאטשטיין התמרד נגד המרשמים האסתטיים של המאניפסט האינזיכיסטי



התמונה האחרונה של יעקב גלטשטיין ז"ל.
דאָס לעצטע בילד פון יעקב גלאַטשטיין ז"ל.

והלך למראשית בדרכו־שלו, כזמר־סולו שאינו מסוגל להתאים את עצמו לשום מקהלה. את ה„אני מאמין" הפיוטי שלו הביע בשירו „המאה", הדוחה כל לשון מקושטת, כל השתכרות והתפעלות מופלגת. „השמענו את קול המאה", נאמר שם.

סימן ההיכר של יצירת גלאטשטיין הוא האילתור. האילתור אופייני לא רק לשירתו אלא אף לפרוזה שלו. הוא אחיד באי־אחידותו והארמוני אפילו בצרימותיו. הוא מבזיק ללא הרף רעיונות ומחשבות מפתיעים, אשר בהם דרים בכפיפה אחת, הארמונית כל־כך, היסוד היהודי והיסוד האוניברסאלי.

זוהי השפעת עיר מולדתו לובלין, העיר של „ועד ארבע הארצות", ה„חוזה" ו„מוח הברזל", עיר שבאחרית הרנסאנס שימשה מרכז חשוב של הספרות והאמנות הפולניות, וכונתה „פירנצה הפולנית".

בנפשו של יעקב גלאטשטיין עודנה חיה לובלין היהודית, שהלא נמחקה כליל מעל פני האדמה, והוא הנציחה ביצירת הפרוזה המקורית שלו, בת שני הכרכים, „כאשר יוש נסע", ו„בהגיע יוש".

שיבתו הראשונה של גלאטשטיין ללובלין הביאה בכנפיה מיפנה ביצירתו. כבר אז החל צלב הקרס הנאצי מטיל את צלו על פולין ותחושת הפורענות המתקרבת הידהדה יותר ויותר בנבואות שיריו. מאז נעשתה לובלין בכלל מוטיב מנחה בחרוזיו הליריים שהעמיקו, אשר היו שזורים מחשבות על הגורל היהודי. אפילו מבחינה לשונית מורגשת בשיריו של גלאטשטיין השפעתה של לובלין. דבר זה בא לידי ביטוי במחזור השירים שלו, מלאכת המחשבת, „יידיש־טייטש", כאילו

←

---

איז חרוב געוואָרן על פי „נוסח לובלין". געמיינט האָט ער צו זאָגן, אַז די יידן פון אָרט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אָרט אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג", ווי די לובלינער יידן, די ערשטע, אין מערץ־אַפּריל 1942. דעמאָלט איז נאָך דאָס אָרט פון פאַרשיקונג (בעלזשעץ) נישט געווען באַקאַנט. נאָר „נוסח לובלין" האָט באַטייט אומקום, ווי די לובלינער יידן.

פאַר דער מלחמה האָבן מיר געהאַט אַ „נוסח לובלין" אין לערנען תורה און התנהגות פון לובלינער חסידים, אין דער אַרבעט פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען, פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — אין מלחמה־צייט האָט דער נוסח אָנגענומען אַן אומגעווינלעכע, שוידערלעכע באַדייטונג.

נאָר וואָס שייך דער תורה — האָבן מיר זי אין לובלין נישט צוריקגעגעבן. פון אַ פאַרגאַנגענהייט, פון אַ טראַדיציע, מיט וועלכער מ'האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען, זאָגט מען זיך נישט אָפּ. מ'קאָן דאָס אַפילו נישט טון. פון דער געשיכטע קאָן מען קיין באַשריבענע בלעטלעך נישט אַרויסרייסן. ס'העלפט נישט.

נישט מיר האָבן פאַרשוועכט די תורה — נייערט די רוצחים. מיר זענען געווען די געליטענע. נישט מיר דאַרפן זיך מיט איר שעמען. פאַרקערט, מיר האָבן דער וועלט געגעבן די תורה — און די וועלט האָט זי געשענדט.

אָבער פאַר גלאַטשטיינען איז דאָס צוריקגעבן אַ תורה אַן אויסדרוק פון ווייטיק, אַ סימבאָל; ווי איינער זאָגט: דו גאָט האָסט אונדז געגעבן אַ תורה, וואָס מיר האָבן טויזנטער יאָרן געהאַלטן בכבוד. און אָט זע, וואָס פון איר און וואָס פון אונדז איז געוואָרן! די רוצחים, די שענדער פון דיין תורה, רעגירן מיט דער וועלט, און דו גאָט האָסט דערצו צוגעלאָזט — זאָגן מיר זיך אָפּ פון ווייטער צו דינען דעם גאָט, וואָס האָט צו אַזאַ פאַרשוועכונג דערלאָזט.

די העכסטע פאַרצווייפלונג פון דיכטער, זיין ווייטיק נאָכן אומקום פון פאָלק ישראל, פון דער עדה לובלין, קומט צום אויסדרוק אין גלאַטשטיינס אַנטקעגנשטעלן: **סיני און לובלין**, אויפקום און אומקום.

# גרויסער עולם באַגלייט צו אייביקער רו דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין

דער שווערער און טיפער טרויער וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע קולטור, מיליאָנען ליבהאָבער פון יידישן געדרוקטן וואָרט און די פילצאָליקע לייענער פון די יידישע טאָג־צייטונגען איבערן טויט פון דעם גרויסן דיכטער און שריפטשטעלער, יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען פון די חשובסטע מיטאַרבעטער פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" — איז פאַרגאַנגענעם זונטיק געקומען צום פולסטן אויסדרוק אויף דער לוויה, בעת וועלכער אַ ריזיקער עולם איז געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם הויך־באַגאַבטן פּאָעט, קריטיקער, דערציילער, פובליציסט און רעדאַקטאָר, וואָס האָט אין פאַרלויף פון 57 יאָר באַרייכערט מיט זיין באַגאַבטער פעדער אַלע געביטן פון דער יידישער זשורנאַליסטיק. צווישן די מלווים האָבן זיך געפונען נישט בלויז יידישע לייענער, נאָר אויך פאָרשטייער פון דער יידישער, העברעישער און יידיש־ענגלישער פרעסע, פאַרטרעטערס פון יידישע קולטור־קערפערשאַפטן און דערציונגס־אַנשטאַלטן, פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע ריכטונגען און פון די גרויסע אָרדנס, יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד און אַרבעטער־רינג.

מיט דער לוויה האָט אָנגעפירט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס חיים בעז, וואָס האָט אויך גערעדט אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג, יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ), שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, ציק"אָ־פאַלאַג און חודש־זשורנאַל „די צוקונפט".

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, יעקב קאַצמאַן, וואָס האָט פאַרטראָטן אויך די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג — פועלי־ציון, הבונים, די פרויען־פּיאָנירן און רעדאַקציע פון דער וואָכנשריפט „דער יידישער קעמפער" — האָט כאַראַקטעריזירט גלאַטשטיינס שאַפן ווי אַ רוף צו די ווייטערדיקע דורות יידן צו האַלטן טייער די גייסטיקע ירושה וואָס עקזיסטירט ביי אונדז זינט יעקב אבינו.

ד. ל. מעקלער, רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", האָט אין זיין הספד אַרויסגעהויבן דעם פאַקט, אַז יעקב גלאַטשטיין איז געווען נישט בלויז אַ גרויסער דיכטער, נאָר אויך אַ זייל פון דער יידישער פרעסע און פאַרנומען אַן אָרט אויבן אָן אין יידישן זשורנאַליזם.

שמעון וועבער, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט אין זיין הספד געמאָלן אַ וואָרט־בילד פון דער גלאַטשטיין־פערזענלעכקייט ווי אַ יחיד און גלייכצייטיק געשילדערט זיינע אויפטוען ווי אַ גרויסער שאַפער פון יידישע גייסטיקע ווערטן.

ד"ר יאָאַכים פרינץ האָט גערעדט אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם וואָס גלאַטשטיין האָט ווי דער אינפאָרמאַציע־דירעקטאָר פאַרבונדן די צוויי אָרגאַניזאַציעס מיט דער יידיש רעדנדיקער וועלט.

דער דיכטער אליעזר גרינבערג, מיט־רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", האָט פאָרגעלייענט אויסצוגן פון יעקב גלאַטשטיינס לידער, אין וועלכע דער פּאָעט האָט זיך געזען „ווי אַ פונק פון מיליאָנען טויטן" פון די יידישע מאַרטירערס.

דער שריפטשטעלער ש. ל. שניידערמאַן, וואָס איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון נפטר, האָט אין זיין הספד — אין נאָמען פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין און יידישן פען־צענטער — דערציילט וועגן דעם שמועס מיט גלאַטשטיינען אין אָוונט פאַר דעם פרימאָרגן, ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט. ער האָט אין זיינע רייד זיך אָפּגעשטעלט אויף גלאַטשטיינס שאַפערישקייט, שילדערנדיק אים ווי דעם „ווירטואָז פון יידישן וואָרט".

סידאָר בעלאַרסקי האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און געמאַכט דעם „אל מלא". די לוויה איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן טראַדיציאָנעלן שטייגער, אין איינקלאַנג מיטן נפטרס יידישע טראַדיציאָנעלע איבערצייגונגען.

די קבורה איז פאָרגעקומען אויף דעם סידאָר־פאַרק בית־עולם פון „פאַרבאַנד". ביים אָפענעם קבר האָט גערעדט יוסף מלאָטעק, דירעקטאָר פון בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט ביים אַרבעטער־רינג, און דער דיכטער מאיר שטיקער האָט פאָרגעלייענט פון נפטרס לידער.

יעקב גלאַטשטיין האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, פאַני, וואָס איז אַ באַקאַנטע מאָלערין; צוויי זין, אַ טאָכטער און אַ ברודער אין ישראל.

(אויסצוגן פון אַ גרעסערן באַריכט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל")

---

קם לתחיה המתרגם הלובליני של החומש והפיוטים, ליידיש.

הנה היתה שיבת גלאטשטיין ללובלין שיבה אל שורש התפתחותו הפיוטית. את התגבשותה של תודעה זו אפשר לראות בעובדה, כי המשורר נתן לקובץ השירים אשר הופיע במלאות לו שבעים שנה, את השם „יהודי מלובלין".

אין בפולין עוד עיר כלובלין, שבמידה כזו תסמל את כל האספקטים של הגורל היהודי במדינה זו. בשירו „לא המתים יהללו יה" אכן הפך גלאטשטיין את לובלין למקום העקדה של כל היהודים הטבוחים והשרופים. בלובלין־של־החורבן כלל גלטשטיין את כל קדושי המוקדים והפרעות בכל הגלויות, אשר מתו פעם נוספת עם מיליוני היהודים הפולנים.

תרומתו של גלאטשטיין לספרות השואת היהודית ראויה לתשומת־לב מיוחדת. ספר השירים שלו „אני בא להזכיר", שיצא לאור ב־1967 על־ידי „הברית העולמית של אסירי ברגן־בלזן", פותח בשיר הנבואי המזעזע „לילה טוב תבל", אשר פורסם לראשונה בשנת 1938, ערב השואה. השיר הסעיר את הציבור היהודי העולמי ולמעלה ממאתיים מסות הופיעו בעתונות היהודית העולמית על זעקת אזהרה זו על הפורענות הממשמשת ובאה.

בשיר זה קרא גלאטשטיין להסתגר בד' אמות היהדות, שהמשורר ראה בה תמיד משכן הערכים האנושיים הנצחיים הבלתי־מסולפים. הוא קרא לנעול את הדלת בפני העולם הגדול על „משחרריו", ולשוב אל הגטו „מתוך רצון חופשי".

---

# געדענק־אָוונט פאַר יעקב גלאַטשטיין אין תל־אביב

זונטיק, דעם 23סטן יאַנואַר 1972, איז אין לייוויק־הויז אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ טרויער־אָוונט לזכר דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער, עסייאיסט און פובליציסט יעקב גלאַטשטיין — „אַ ייד פון לובלין", איינגעאָרדנט דורך דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

וועגן דער פערזענלעכקייט גלאַטשטיין, זיין ראָל אין דער יידישער ליטעראַטור, פּאָעזיע, קריטיק און פובליציסטיק, האָבן אויספירלעך געשילדערט: דער לעקטאָר פונעם קרייז פאַר יידישער ליטעראַטור אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט, י. ח. בילעצקי און דער פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, דוד שטאַקפיש.

גלאַטשטיינס לידער האָט מיט אַ סך טאַלאַנט רעציטירט די וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין.

אינעם פרעזידיום זענען אויך געזעסן אונדזערע געסט פון אויסלאַנד: פריינד גראַדעל פון בוענאָס־איירעס, פריינד סוכער פון מאָנטרעאַל. אויפן זאַל האָט זיך געפונען דער ברודער פון י. גלאַטשטיין — אַן איינוווינער פון נתניה.

# לזכרם
# צום אָנדענק



**משה בן פנחס נומברג** ז"ל

ב־2 למאי 1972 (י"ח אייר תשל"ב) הלך לעולמים בין עירנו היקר משה נומברג ז"ל. הוא היה מראשוני החלוצים שעלו ארצה מלובלין עוד בשנת 1921. כאן ייסד את המכון הראשון להעתקות־שמש, אותו ניהל עד מותו.

משה נומברג היה נכדו של ר' מאיר נומברג, מחבר ומו"ל של פירושים לקבלה, בן־אחיו של הסו־פר האידי הנודע ה. ד. נומברג. הנפטר היה אח של לאה קוריס, חברת נשיאות של ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל.

משה נומברג מצטיין לכת היה, טוב לב, איש כן וישר.

זכרו חי בתוכנו.

**א. ל.**



**יהושע מנדלטורט** ז"ל

נולד בלובלין בשבת תרס"ד (1904) כבן בכור לשמואל ומלכה מנדלטורט ז"ל, שהיו הורים ל־4 בנים.

קיבל חינוך דתי בחדר ובישי־בה. בן י"ח עזב את פולין על מנת לעלות לארץ־ישראל ושהה שנתיים ימים בעיר וינה, בה שקד על לימוד מקצוע הנגרות. עם קבלו את הסרטיפיקט בשנת תרפ"ד (1924), עלה מיד ארצה כחלוץ.

חייו בשנותיו הראשונות בארץ א. פיניים הם לחלוצים רבים. עבד כפועל חקלאי וכסולל כבישים ולסירוגין היה גם מחוסר עבודה. היה חבר בגדוד העבודה ועבד יחד עם אישים שתפסו לאחר מכן עמ־דות אחראיות במדינת ישראל.

נשא לאשה את אסתר לבית דז'לושינסקי ונולדו להם בן ובת. בכדי לפרנס את משפחתו, עבר לגור במושבה באר־יעקב ושם מצא התעסקות כנגר במחנות הצבא של הבריטים ובערבים היה מקדיש זמנו לפעילות ענפה בהגנה. באו־תו זמן הכיר את חברו וידידו הטוב ד"ר מנחם לייבוביץ, יבדל לחיים, וידידות זו לוותה אותו באמונה כל ימי חייו, עד שעתו האחרונה.

בשנת תש"ו (1946) עבר עם משפחתו לגור בגבעתיים ולאחר מכן השתקע בשיכון ותיקי ההס־תדרות בקרית בורוכות שברמת־גן. היה חבר פעיל במפא"י ואח"כ במפלגת העבודה הישראלית ופעל רבות למען ארגון בעלי המלאכה בהסתדרות.

עם היותו איש העבודה, היה גם איש הספר. מדפי הכפרים בביתו היו עמוסים ביצירותיהם של הסופ־רים העברים. היה איש ההומור וחובב הבדיחה היהודית העסיסית והטיבה. גם בימי מחלתו הממו־שכת לא נטשו אותו חוש ההו־מור, אהבת הבריות והתעניינותו במתרחש בארץ ובעולם.

ביום כ' באלול תשל"ב נאסף אל עמיו.

בחייו הצליח להעלות ארצה את הוריו מלובלין, אולם שלושת אחיו ובני ביתם לא הצליחו להיחלץ ונספו בשנות השואה.

זכרו הברוך לא ימוש מקרב אשתו, צאצאיו, נכדיו, בני משפח־תו וידידיו ומכריו הרבים.

המשפחה

## סבי ז"ל

**סבי ראש המשפחה**
**סבא שלי זכרונו לברכה,**
**סבא שלי הטוב המטיב,**
**סבא שלי החביב, האדיב.**

**סבא מת מגידולים —**
**גידולים נורא מכאיבים.**
**כן, הוא מת —**
**בחיי, זו אמת.**

**הלילה חלמתי חלום,**
**כי הנה נשמתו באה הלום**
**ואומרת — נכדתי היקרה,**
**מצאתי בגן העדן משכן ודירה.**

**שם יש רק טוב**
**ואין שום רע;**
**כל אדם שם חייב לאהוב**
**ואסור לעבור עֲבירה.**

**כי הנה אך אקיץ,**
**הפרכים כאתמול מונחים בעציץ.**
**אבל הנשמה היא נעלמה —**
**ודאי היא שבה אל מקומה.**

סיגל מרקשטיין, בת 9½,
נכדתו של יהושע מנדלטורט ז"ל



**צדוק גולן (גולדשטיין)**
ז"ל

מוותיקי עובדי הוועד הפועל של ההסתדרות, שימש כקצין בטחון ומנהל המשק ושיתף עצמו בכל המתרחש במוסד. מראשוני פלו־גות „הפועל" ומפעילי ההגנה בתל־אביב ומותיקי חברי מפא"י. נפטר ב־11.8.72 לאחר מחלה ממושכת. הניח אשה, בן, בת, נכדים ואחות.

צדוק נולד בלובלין בשנת 1910 למשפחת חסידים. היה הצעיר מבין שש אחיותיו ואחיו, נשא את שמו של הרבי צדוק הכהן מלובלין שאביו היה מחסידיו. למד תורה בחדר ובבית־המדרש ע"ש הרבי. משפחתו ציפתה ממנו לגדולות בשטח הדת, אולם משאלתם לא התגשמה, הואיל והשקפותיו הת־פתחו בכיוון הפוך. מגיל צעיר התעניין בתנועה הציונית־הסוציא־ליסטית. היה מפעילי „החלוץ", פועלי־ציון צ. ס. ו„פרייהייט". שאיפתו הגדולה היתה לעלות ל־ארץ־ישראל. ואמנם בשנת 1925, לאחר טלטולים רבים, הגיע ארצה על מנת להגשים את חלוציותו הלכה למעשה. התגורר בירושלים יחד עם אחיו המבוגר ממנו מאיר ז"ל (שהלך לעולמו בראשית שנת 1972).

עבד כפועל בכיבוש עבודה וכ־פועל־בנין, ולא פעם היה מחוסר עבודה וסבל את טעם הרעב שפקד מדי פעם את ציבור הפועלים בישוב.

אחרי שנתיים נאלץ לחזור לפו־לניה על מנת לעזור להוריו בניהול העסק אשר היה מקור פרנסה למשפחתו.

בשנת 1932 שב ארצה ביחד עם אחותו, התיישב בתל־אביב וחזר לעבוד כפועל־בנין במקצוע הטיי־חות, אשר בו עבד עד לשנת 1938, שנה בה עבר לעבוד בועד הפועל, מקום עבודתו עד יומו האחרון.

תוך כדי פעילותו ב„הפועל", הכיר את מרים — אשתו לעתיד, ויחד אתה הקים משפחה וגידל ילדים. היה בעל ואב מסור ונאמן עד יומו האחרון.

היה בעל נפש עדינה, חבר טוב וידיד נאמן. נכון תמיד לעזור לזולת. זכרו לא ימוש מאתנו.

**איתמר**



**יואל ליברמאַן** ז"ל

נולד בלובלין ב־1909, סיים את לימודיו בגימנסיה „שפאר". בימי

המלחמה לחם בשורות הפרטיזנים ביערות פולין. עלה ארצה, ב־1957, עם רעיתו. נפטר ב־25.9.71.

(דברים על קברו)

שוב אנו מתאספים על קברך הרענן, יואל. כה קשה להאמין, שאני מדברת אליך — ואתה אינך שומע אותי.

אם כי לא עתים קרובות התראנו — קרוב כה היית לי. מועטים נותרנו מכל משפחתנו הגדולה, עת האיומה בסערות הכחידה את עמנו — למוד סבל של אנטישמיות צרופה, אינקויזיציה ורדיפות, במשך כל שנות גלותנו הארוכה והמרה.

אתה, יואל — פרטיזן היית ביערות, בימים השחורים ההם ויחיד נותרת מכל משפחתך.

אחרי כל הסבל שעבר עליך, הגעת לחוף מבטחים והארץ פתחה את שעריה.

גם כאן, בתחילה מסבל טעמת, כמו כל עולה חדש, וכשהגעת לנחלה ולנשום יכולת לרווחה, פקדה אותך מחלה קשה, שמצפורניה לחמוק לא ניתן היה.

רק ימים ספורים לפני מותך, כשבאנו לבקרך, אמרת לי: „פניך טובות" — ועל פניך, המוות רחפה.

נזכורך, יואל. **צפורה**



## חיים ספיבק ז"ל

ב־1 ביולי 1972 — י"ט תמוז תשל"ב — נפטר בתל־אביב חיים ספיבק, שנולד בלובלין בשנת 1900. היה מראשוני „השומר" — „השומר הצעיר" וגם מראשוני החלוצים, אשר עלו מלובלין לארץ־ישראל מיד אחרי מלחמת העולם הראשונה, אף בטרם שהחלה ממשלת המנדט הבריטית לתת „סרטיפיקאטים". לכן קשה, בלתי־ישירה וארוכה היתה אז דרכו מפולין לארץ־ישראל — דרך ווינה, טריאסט לביירות ומשם, מגבול לבנון, ברגל באופן „בלתי־ליגאלי" לגליל העליון. כך עלה הוא בשנת 1919. בארץ היה בין ראשוני גדוד העבודה, בין סוללי הכבישים הראשונים ובין הפועלים החקלאיים ברחובות, בחדרה ובמקומות אחרים, בטרם עבר לתל־אביב בשנת 1924. בשנים האחרונות עבד בקופת הפנסיה של עובדי קופת החולים של ההסתדרות. הניח אשה, בת ובן ונכדים בארץ ואחות באוסטרליה (היתה אשתו של ד"ר הרשנהורן, מי שהיה ממנהיגי ה„בונד" בלובלין).

יהי זכרו ברוך! **א. ה.**



## חיים יהושע (שיע) ראָזענבערג ז"ל

דער לובלינער ציבור אין ישׂראל האָט מיטן טויט פון חיים יהושע ראָזענבערג פאַרלוירן איינעם פון זיינע אָנגעזעענסטע לאַנדסלייט. חיים שיע איז געווען אַן אייגנאַרטיקע און פאַרבנרייכע פערזענלעכקייט. ער האָט געהערט צו דער גרופּע לובלינער יידן, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין זיך סיי תורה און סיי אַלגעמיינעם וויסן.

אין דער טראַדיציאָנעלער און רעליגיעזער היים פון זיינע עלטערן — יצחק־ירוחם און גיטל, איז ער פון די פריסטע קינדעריאָרן דערצויגן געוואָרן אין ליבע צו תורה, תלמוד און יידישער טראַדיציע. ער האָט געהערט צו די בעסטע און פעיקסטע ישיבה־בחורים אין דער לאָמזשער ישיבה. אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער באַקומען סמיכות רבנות ביים וואַרשעווער רב מיכאלזאָן.

אָבער נאָך דעם ווי חיים שיע האָט באַקומען סמיכות רבנות, קומט פאָר אַן ענדערונג אין זיין לעבן. ער דערפילט אַ טיפע באַדערפעניש אויסצוברייטערן זיינע האָריזאָנטן און דערגענצן זיין וויסן מיט סעקולערער בילדונג. ער באַשליסט צו מאַכן מאַטורע און טרעט אַריין אין דער 7טער קלאַס פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע. אין די 2 יאָר האָט דער עלוי פון דער לאָמזשער ישיבה דערגרייכט מער ווי אַנדערע אין צאָלרייכע יאָרן פון גימנאַזיע־לימודים. חיים שיע האָט געמאַכט קפיצת הדרך. מיט זיינע נישט דורכשניטלעכע פעיקייטן, האָט ער „איינגעשלונגען" דעם לערן־מאַטעריאַל וואָס איז געווען פאָר אים פרעמד און צום סוף באַקומען די מאַטורע מיט די בעסטע נאָטעס.

נאָכן באַקומען די מאַטורע, פאָרט חיים שיע קיין ווילנע, ווו ער שטודירט יורי אויפן אוניווערסיטעט. אויך דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן קאָפּ. אַלע פּראָפעסאָרן האָבן באַוווּנדערט זיינע טיפע קענטענישן און זיין שנעלן באַנעמען. זיין דעקאַן איז געווען אַ גלח, וועלכער האָט שטאַרק רעספּעקטירט דעם שילער. דער דאָזיקער גלח האָט אַ לאַנגע צייט געלערנט תלמוד ביי ראָזענבערגן. דעם אַדוואָקאַטן־סטאַזש האָט חיים שיע געמאַכט אין וואַרשע.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט חיים ראָזענבערג, פונקט ווי הונדערטער אַנדערע לובלינער, דורכגעמאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד אין זייער שווערע לעבנס־באַדינגונגען. קיין ישראל איז ער געקומען מיטן שטראָם פון דער שארית הפליטה און נאָך אַ קורצער צייט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַדוואָקאַט, הויפּטזעכלעך אין פראַגן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט הלכה־ענינים.

זיין גרויסע טעטיקייט אַלס יוריסט האָט זיך אָנגעהויבן מיט שליסן דעם ווידערגוטמאַכונגס־הסכם צווישן ישראל און מערב־דייטשלאַנד. חיים שיע האָט זיך אין דער אַרבעט אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען און ענערגיע, זעענדיק אין דעם הסכם אַ שאַנס פאַר אַ טיילווייזער מאַטעריעלער רעהאַביליטאַציע פאַר די נאַצי־קרבנות. ער האָט געהערט צו די ווידערגוטמאַכונגס־טוער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָנווענדן אַלע פּאָליטישע און יורידישע מיטלען, כדי די אַנטשעדיקונג פאַר די נאַצי־קרבנות זאָל זיין וואָס גרעסער און עפעקטיווער. אין די לעצטע יאָרן איז חיים ראָזענבערג געווען איינער פון די גרעסטע קענער און בעסטע אינטערפּרעטאַטאָרן פון די ווידערגוטמאַכונג־געזעצן. מיט אים האָבן זיך באַראַטן באַקאַנטע ישׂראלדיקע און אויסלענדישע יוריסטן און אַ דאַנק זיינע עצות און איינפאַלן זענען אויסגעברייטערט געוואָרן אַ ריי געזעצן לטובת פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון די נאַצי־קרבנות.

חיים ראָזענבערג האָט אין זיין אַרבעט געזען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע שליחות, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער טראַגעדיע פון אייראָפּעישן יידנטום בכלל און זיין היימשטאָט בפרט. ווען איך האָב אים באַזוכט אין מינכען, אין נאָוועמבער 1971, האָט ער געטרוימט וועגן אַ פילם וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די טראַגעדיע פון יידישע קינדער אין דער נאַצי־תקופה. ער האָט אַפילו אָנגעשריבן דעם פילם־סצענאַר און געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ערנסטע רעזשיסערן וועגן רעאַליזירן דעם פּלאַן.

אָבער זיין האַרץ האָט אים פאַראַטן. אין די לעצטע פאָר יאָר האָט חיים שיע געליטן פון אייניקע שטאַרקע האַרץ־אַטאַקן. אויך די ראיה איז ביי אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דאָס האָט געווירקט דעפּרעסיוו אויף זיין שטימונג.

טראָץ דעם וואָס חיים ראָזענבערג איז אין די לעצטע יאָרן געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, האָט ער דאָס רייכטום נישט אויסגענוצט פאַר אייגענע צוועקן. ער האָט געפירט אַ זייער באַשיידן לעבן. ביזן לעצטן טאָג האָט ער געשטיצט צאָלרייכע נויטבאַדערפטיקע משפחות און געשאַפן אַ סטיפּענדיע־פאָנד פאַר סטודענטן, וועמענס עלטערן זענען געווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פאַרן „ארגון יוצאי לובלין" האָט ער געשפּענדעט 22,000 ל"י און זיך פאַרפליכטעט די דאָזיקע סומע פירפאַכיק צו פאַרגרעסערן, כדי צו בויען אַ קינדער־אַנשטאַלט א. נ. פון די לובלינער קדושים. ליידער, האָט ער נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ווונטש. מיר זענען אָבער איבערצייגט, אַז די משפחה וועט העלפן דעם „ארגון יוצאי לובלין" צו פאַרווירקלעכן די הבטחה און ווונטש פון חיים שיע ראָזענבערג און אַזוי אַרום פאַראייביקן זיין אָנדענק.

**עובדיה פעלד**



## אייזיק ראָזענבוש ז״ל

(אויפן בילד: אייזיק ראָזענבוש ז״ל און זיין פרוי כעלע קרעמפעל ז״ל, נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל מיט 11 יאָר צוריק)

מיטוואָך, דעם 3טן מאַי 1972, איז אויפן יידישן בית־עלמין אין בריסל געבערענגט געוואָרן צו קבורה אונדזער טייערער ברודער אייזיק ראָזענבוש. אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען די משפחה, אַ סך פריינד און באַקאַנטע.

אייזיק איז געבוירן אין לובלין, אַרויסגעוויזן פעיקייטן צו מוזיק. דעם 1.11.1910 געלערנט אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע. אויך ווען אונדזער פאָטער ע״ה האָט זיך געקליבן פאָרן קיין בעלגיע, האָט אייזיק געמוזט גיין לערנען קירזשנעריי. דערנאָך איז אויך ער אַוועק קיין בעלגיע. נאָר די בענקשאַפט נאָך פריינד, חברים, משפחה און די פליכט צו דינען אין מיליטער, האָט אים צוריק געבראַכט נאָך לובלין. נאָכן אויסדינען אין זאַמאָשטש אין מיליטער, האָט ער אין יאָר 1934 חתונה געהאַט מיט כעלע קרעמפעל ז״ל. אין יאָר 1937 איז זיי געבוירן געוואָרן זייער איינציקער זון מאָטעלע.

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט צום גליק. אַלע דריי ווערן פאַרשיקט אין טיף רוסלאַנד, באַזאַמען מיט זייער ברודער און שוואָגער בעריש קרעמפעל ז״ל און פאַמיליע. דאָרט איז געווען הונגער, נויט און קראַנקייטן. נאָכן קריג צוריק געקומען מיט זיין פרוי און קינד קיין וואַרשע, ווו מ׳האָט זיך איינגעאָרדנט, געפירט אַ קירזשנער־וואַרשטאַט, שיין געלעבט — נאָר ווי דער רוב יידן אין יענער צייט, „געזעסן אויפן טשעמאָדאַן״. זומער 1947 פאַרלאָזן זיי פוילן און פאָרן נאָך בעלגיע, ווו עס געפינט זיך מיין אָפּגעראַטעוועטע שוועסטער, וועלכע נעמט זיי אויף מיט וואַרעמקייט און זאָרגט זיי זאָלן זיך וואָס בעסער איינאָרדענען.

נאָר דער גורל האָט געוואָלט, זיי זאָלן ווידער וואַנדערן — און מען באַזעצט זיך אין קאַנאַדע. נאָך יאָרן שווערע אַרבעט, האָט מען זיך איינגעאָרדנט, נאָר אַ בייזער שטן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זייער היים. כעלע ווערט קראַנק און נאָך עטלעכע יאָר שווערע ליידן איז זי געשטאָרבן דעם 2טן יוני 1962. דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר אייזיקן און זיין איינציקן זון.

אין יאָר 1967 באַזעצט זיך אייזיק ווידער אין בריסל, כדי זיין צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און ברודער. ער אַרבעט דאָרט ביי זיין פאַך און יעדעס יאָר געפינט ער פאַר נייטיק צו באַזוכן ישראל. דאָ האָט ער פאַמיליע, לאַנדסלייט און פריינד. די וויזיטן האָבן נאָך אַ ציל: צוגרייטן זיך צו באַזעצן אין לאַנד. טאַקע היי־יאָר האָט ער באַדאַרפט עולה זיין, ווערן אַ שטענדיקער בירגער פון דער יידישער מדינה. נאָר אַן אומהיילבאַרע קראַנקייט האָט בייגעקומען דעם דאָזיקן תמיד געזונטן, ענערגישן און שמייכלדיקן מענטש.

אויף דעם קבלת־פנים פאַר אַ גאַנצער ריי אָנגעזעענע געסט פון אויסלאַנד, פאָרגעקומען אין לייוויק־הויז אין תל־אביב, האָבן מיר אים געהערט ריידן וועגן די לובלינער אין קאַנאַדע און אין בעלגיע און זיין אויפריכטיקע פרייד מיט די אויפטוען פון די לובלינער אין ישראל. דאָס איז געווען זיין לעצטער אויפטריט פאַר אַ ברייטערן לובלינער פאָרום — ביז דער אומברחמנותדיקער טויט האָט אים פון אונדז אַוועקגענומען.

אייזיק איז עטלעכע יאָר געווען עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל.

די פאַריתומטע משפחה און פריינד וועלן דיך תמיד געדענקען!

רבקהלע ראָזענבוש־שטאָקפיש

משפחות הנפטרים הרוצים להנציח את יקיריהם ב„קול לובלין״ — יעבירו אלינו את הנתונים הביוגרפיים ותמונה.



## אברהם זיסוואַסער ז״ל

געבוירן אין יאָר 1914. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, אין דער שטאָט קאַלוגאַ. אין אויגוסט 1941 מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. ווען די דייטשן האָבן בלאָקירט לענינגראַד, איז אברהם געווען אין סטאַרע־רוסי און איז דאָרטן שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין פעברואַר 1942 האָט מען אים אַמפּוטירט דעם רעכטן פוס.

אין דער צייט פון קריג איז קאַלוגאַ געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. נאָך יאָרן פון שווערע מלחמה־איבערלעבונגען, האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און געשאַפן אַ פיינע פאַמיליע.

אברהם ז״ל איז נפטר געוואָרן דעם 5טן דעצעמבער 1971. ער האָט פאַריתומט אַ פרוי, טאָכטער, צוויי זין און פינף אייניקלעך.

**צפּורה**



## חיה־עטל ציגעלמאַן ז״ל

די פרוי פון משה ציגעלמאַן יב״ל, לאַנגיאָריקער איינוווינער פון לובלין. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט חיה־עטל (העלענאַ) איבערגעלעבט אין באַהעלטענישן אויפן דאָרף. נאָך דער באַפרייונג געפירט, צוזאַמען מיטן מאַן, אַ ביוראָ צו שרייבן ביטעס. אין יאָר 1969 — עולה געווען קיין ישראל און דאָ נפטר געוואָרן דעם 11טן יוני 1972 (כ״ט סיון תשל״ב).

ערע איר אָנדענק!



## בצלאל (צאַלע) שפּירמאַן

(צו דער ערשטער יאָרצייט)

געבוירן אין יאָר 1913 אין לובלין, געוווינט אין גרויס־טשעכיוו. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין פאָלקס־שול. געאַרבעט אַלס געהילף פון אַ קצב. געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון י. ס. ק. „וויעניאַוואַ״ און אַן אויסגעצייכנטער שפּילער.

בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט חתונה געהאַט. מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, איז ער געקומען פון די פּליטים־לאַגערן פון דייטשלאַנד קיין ישראל. געאַרבעט אין „סולל בונה״, געוווינט אין רמת־גן.

מיט צוויי יאָר צוריק איז געשטאָרבן זיין פרוי, וואָס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט. אַ יאָר נאָך איר טויט איז אויך ער נפטר געוואָרן — אין ט״ז אייר תשל״א.

כבוד זיין אָנדענק!

**ש. שט.**



## חיה אקרמן ז״ל

רעיתו של בן־עירנו צדוק אקרמן יב״ל. בתה של ד״ר שטרן ממונקץ׳. עלתה ארצה עם בעלה בשנת 1946 והתגוררו בחיפה. חיה נפטרה ב־12 בדצמבר 1971.

תהי זכרה צרור בצרור החיים.



## דוד ווערבאַ ז״ל

דעם 20סטן אויגוסט 1972 (י׳ אלול תשל״ב) איז אויפן בית־החיים אין לאָס־אַנזשעלעס אַנטהילט געוואָרן די מצבה אויפן קבר פון ר׳ ד׳ד ווערבאַ, נפטר געוואָרן כ״ז חשון תשל״ב.

דוד ווערבאַ, דער האָלץ־סוחר פון דער זאַמאָיסקאַ גאַס, איידעם פון ר׳ הערש האַלבערשטאַט ז״ל, דער פאַרבן־סוחר פון דער נאָווע גאַס, איז געווען אַ כלל־טוער אין לובלין, ספּעציעל אין סוחרים־פאַריין, און אויך אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

נאָך דער באַפרייונג פון אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן, איז ער געווען דער פאָרזיצער פון פּליטים־קאָמיטעט אין פראַנקפורט און געהאָלפן די פּליטים אין די לאַגערן.

אין לאָס־אַנזשעלעס, אין די לעצטע יאָרן, איז ער געקומען צו די פאַרזאַמלונגען און אָנטייל גענומען אין יעדער אַקציע לטובת די לובלינער.

לאַנדסלייט און פריינד זענען אָנוועזנד געווען ביי דער לוויה און אויך ביי דער אַנטהילונג פון דער מצבה. אויך די טאָכטער, פרוי מיניאַ ברענמאַן, וועלכע וווינט אין עדיסאָן, ניו דזשערסי, איז געקומען מיט איר משפחה צו דער אַנטהילונג פון דער מצבה.

יהי זכרו ברוך.

ישראל אייזנבערג



## משה וואַגנער ז״ל

(צו דער ערשטער יאָרצייט)

מיין מאַן משה וואַגנער ז״ל איז געבוירן אין לובלין דעם 10טן אָקטאָבער 1914. ער האָט געלעבט מיט די עלטערן און מיט אַן עלטערער שוועסטער. ווען משה איז אַלט געווען 6 חדשים, האָט זיין פאָטער פאַרלאָזט פוילן. קורץ נאָך זיין אָפּפאָרן איז דאָס שוועסטערל געשטאָרבן. משה מיט דער מוטער האָבן געלעבט אין לובלין ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה — אין יאָר 1939. נאָכן אויסברוך פון קריג איז משה אַוועק קיין רוסלאַנד. דאָרט האָט מען אים פאַרשיקט אין אַ לאַגער. נאָכן באַפרייען זיך פון לאַגער, האָבן מיר זיך געטראָפן אין דזשאַמבול, קאַזאַכסטאַן, ווו אויך איך מיט מיין משפחה זענען געקומען פון לאַגער. מיר האָבן זיך פאַרליבט און התונה געהאַט דעם 28סטן אַפּריל 1942.

מיין משה איז געווען אַ טרייער מאַן און גוטער פאָטער, אַן ערלעכער און שטילער מענטש, צופרידן מיט אַלץ און אַלעמען. ער האָט ליב געהאַט מענטשן און געווען באַליבט ביי מענטשן. צו זיין לוויה זענען געקומען 2500 מענטשן. פריינד האָבן אויסגעקויפט 75 ביימער צו פלאַנצן אין ישראל, ווי אויך אָפּגעדרוקט סידורים אין די שולן אויף מיין מאַנס נאָמען.

**לאָלאַ וואַגנער**



## יעקב אגוזי (ניסנבוים)

(„אבי היערנים״)

יעקב אגוזי, ממייסדי גניגר ואבי היערנים של הקק״ל בישראל, נפטר בבית החולים המרכזי בעפולה, לאחר התקף לב. בן 73 היה במותו. הובא לקבורות בקיבוץ.

**יעקב אגוזי עלה ארצה מלובלין** שבפולין, בשנת 1919. היה ממייסדי דגניה ג׳, ואח״כ ממייסדי גניגר וממארגני העליה לחניתה. בראשית שנות השלושים החל לעסוק בייעור ונטע את העצים הראשונים ביער בלפור. במשק מילא תפקידים מרכזיים, והיה במשך מספר שנים ראש המועצה האיזורית יזרעאל. לפני 10 שנים שיכל את בנו הטייס, שי אגוזי. השאיר אשה, בן, בת, אח (שלמה אגוזי) ומספר רב של נכדים, כולם בגניגר.



## 18־יאָריקער גרשון שערמאַן געפאַלן אין באַפרייונגס־קריג

### ער האָט געוואָלט בלייבן אַ פולער ייד

צווישן די געפאַלענע העלדישע קעמפער אינעם באַפרייונגס־קריג פון ישראל אין יאָר 1948, וואָס האָבן זוכה געווען צו קומען צו קבורה אויפן הר־הרצל אין ירושלים, געפינט זיך אויך דער זון פון אונדזער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער אין פאַריז״.

קוים 18 יאָר איז אַלט געווען גרשון שערמאַן ז״ל, ווען זיין יונג, צאַפּלדיק לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן. ער איז געבוירן געוואָרן אין פאַריז, ווו עס זענען אַדורך אין פריידן זיינע ערשטע קינדער־יאָרן.

ווען די פאַשיסטישע היטלער־האָרדעס האָבן זיך געגרייט צו פאַרנעמען פאַריז, האָט זיין פאָטער זיך געפונען אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און זיין מוטער ע״ה, דאַן אַ שוואַנגערדיקע, האָט זיך געפונען, מיט צוויי יינגלעך ביי די הענט, אויף די פאַרשטאָפּטע וועגן פון פראַנקרייך מיט מאַסן פּליטים און געזוכט אַ מקום־מקלט.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און מאַטערנישן דערשלאָגט זי זיך קיין טולוז, ווו מען האָט דעם פאָטער פון די קינדער דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי.

אַ דאַנק דער הילף פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג (מאקי), האָט מען איינגעאָרדנט דאָס עלטערע יינגל ביי אַ פויער אַלס אַן אַרבעטער, און דעם יינגערן — גרשון (זשאָרזש) — אין אַ קאַטוילישן אַנשטאַלט.

נאָך דער באַפרייונג אין 1944, ווען די עלטערן ווילן אָפּנעמען דאָס קינד פון קאַטוילישן אַנשטאַלט, דערקלערט דער 14־יאָריקער זשאָרזש, אַז ער איז נישט קיין ייד. פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, בלייבן שטיין די עלטערן פאַר זייער אייגן, נאָר אָפּגעפרעמדט קינד.

די עלטערן האָבן זיך געוואָנדן צו דער חלוצישער גרופּע וואָס איז געווען טעטיק אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טולוז און די בחורים האָבן גיך געפונען דעם וועג צום מוח און האַרץ פון זשאָרזשן.

אין יאָר 1945 געפינט ער זיך שוין אין ארץ־ישראל, טרעט אַריין אין קיבוץ נוה־אילן און שליסט זיך אָן אין פלמ״ח.

אין דער באַפרייונגס־מלחמה פאַלט ער אין די קאַמפן ביי לאַטרון, דעם 6טן סעפּטעמבער 1948.

כבוד זיין אָנדענק!

**משה זאַלצמאַן**

סעקר. פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט אין פאַריז״

ביום השנה ה־30 להשמדת יהדות לובלין — נתייחד עם זכרם של הקדושים והטהורים

אין 30סטן יאָרטאָג פון אומברענגען די יידישע לובלין — וועלן
מיר זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים און טהורים

# האזכרה השנתית - די יערלעכע אזכרה

תתקיים ביום ה' 9.11.1972 (ג' כסלו תשל"ג), בשעה 8 בערב, באולם „בני ברית" בתל-אביב, רח' קפלן 10.

**ב ת ו כ נ י ת :**

דברי פתיחה — **דוד שטוקפיש**

הדלקת ששת הנרות — **גב' אלבינג־רפפורט, זושה גולדשטיין־רחמן, רחל מושקטבליט־בלנק, אסתר פלדמן־לסקובסקי, סאלה קליינבוים־רוהר, נחמן קורן.**

קדיש — **ישעיהו הורביץ.**

אל מלא רחמים — **החזן בנימין אונגר**

לזכר נעדרים — **מתתיהו הורן**

פרקי קריאה — **האמן הרץ גרוסברד**

קנטטה „לובלין" — מלים: **ל. מילר;**
מוזיקה — **נ. סמרוב;**
ביצוע — **מקהלה של בית לייוויק בתל־אביב (60 איש).**

דברי סיום — **אינג' א. לסקובסקי.**

**האולם פתוח משעה 6 בערב.**

קומט פאַר דאָנערשטיק, 9.11.72 (ג' כסלו תשל"ג), 8 אָוונט, אין זאַל „ב נ י ב ר י ת" אין תל-אביב, רח' קאַפלאַן 10.

**אין פּראָגראַם:**

דערעפענונג — **דוד שטאָקפיש**

אָנצינדן די זעקס ליכט — **פרוי עלבינג־ראַפּאַפּאָרט, זאָשע גאָלדשטיין־ראַכמאַן, רחל מושקאַטבליט־בלאַנק, אסתר פעלדמאַן־לאַסקאָווסקי, סאַלע קליינבוים־רוער, נחמן קאָרן.**

קדיש — **ישעיהו האָרוויץ**

אל מלא רחמים — **חזן בנימין אונגער**

צום אָנדענק — **מתתיהו האָרן**

רעציטאַציעס — **דער קינסטלער הערץ גראָסבאַרד**

קאַנטאַטע „לובלין" — ווערטער: **ל. מילער;**
מוזיק: **נ. סאַמאַראָוו,** אין דער אויספירונג פונעם **כאָרביים לייוויק־הויז אין תל־אביב (60 פערזאָן).**

שלוס־וואָרט — **אינזש' א. לאַסקאָווסקי**

**דער זאַל איז אָפן פון 6 אָוונט.**

„קול לובלין", מופיע פעם בשנה. המו"ל: ארגון יוצאי לובלין בישראל. דפוס „להב", תל־אביב, טלפון: 36564
המערכת — רעדאַקציע: ד"ר א. הורוויץ, מ. הורן, אינג' א. לסקובסקי, ע. פלד, י. רייכנשטיין, מ. שילדקרויט, ד. שטוקפיש.

teatrnn.pl